# בית יעקב

ליטעראַריש נאַציאָנאַל-זשורנאַל

נומער 58

יאָרגאַנג 8

אָרגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן
און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידנזאָן

## אין היינטיקן נומער האָט איר צו לייענען:


1) בית יעקב—אַ צוויי וואָכן זשורנאַל . . . . . . .
2) גיזען פון דער נאָנט. . . . א. ג. פרידנזאָן
3) פראַגמענט (פון דער בעש"ט סימפאָניע). . ש. נאַלדער
4) אויף דער שוועל פון נייעם יאָר. . שרה שענירער
5) שופר-קלאַנגען . . . הרב דר. י. ווינבערג
6) אַ שמועס מיט דר. שלמה בירנבוים אבי שמשון רפאל
7) דעת, רחמים תפארת . . . דר. נתן בירנבוים
8) קולטור און וויסנשאַפט . . . אליעזר שינדלער
9) אָפּטימיזם און פּעסימיזם . . . דר. ל. ניעמצעוויטש
10) די פרוי אַלס עקאָנאָמישער פאַקטאָר פראָפ. מ. געזלידער
11) שחרית-שטימונג . . . . דר. בן-ציון טעטלער
12) תשרי . . . . . א. שינדלער
13) מיין קינד . . . . ראַבינדראַנאַט טאַגאָר
14) רבי אמנון (היסטאָרישע פּאָעמע). . . א. גנאם
דערציילונגען
15) צוויי זענען זיי געווען . . . אלימלך שטייער
16) אַ פאַרצייטישע מעשה נורא . . . גליקל האָמעל
17) אַדיל—די מאַרטירערן . . . . י. ב. מאַנדלבוים
18) איין שעה א ייד . . . . . . ש. ג.
דער וועג פון די פרומע (מסלת ישרים)
19) דאָס זעקסטע קאַפּיטל . . . . א. ז. פרידמאַן
פעדער-שפריצן
20) דאָס אויסוואַקסן פון נייע מינים. . . . ש. ב
21) סיים-וואַלן. . . . . . א. ג—ן
22) נאַכלעסיקייט . . . . . א. ז—ד
פרישע שורות
23) (פון נייע ביכער און צייטשריפטן) . . איש-לוי
פון שוועסטער צו שוועסטער
24) בריף צו אַ פריינדין . . . . . רחל
25) די בנות-אַרבייט . . . . . צ. ס
26) סטאַטוס פון בית-יעקב-לערערין-פאַרבאַנד
27) פון חודש צו חודש
28) קאָרעספּאָנדענציעס
29) אַנאָנ־־


# ימים טובים אויסגאַבע

הארכיון היהודי

# „בית יעקב" ווערט א צוויי וואכן זשורנאל

# שוין אויפן צווייטן קווארטאל פון הייַנטיקן

# יאָר תרצ"א!!!

**אלע** אונדזערע פריינט זאָגן מיר אָן ענדלעך די בשורה: אויפן צווייטן קווארטאל פון הייַנטיקן יאָר תרצ"א דערשיינט „בית יעקב" זשורנאל שוין אי"ה יעדע צוויי-וואכן ד. ה. אויף יעדן צווייטן שבת. מיר פארענדיקן די לעצטע הכנות, ווי איבערטראָגן די רעדאקציע און אדמיניסטראציע אין א ספעציעל ניי לאקאל. עס ווערן צוגעגרייט אלע טעכנישע מכשירים פאר א רעגולערע ארבעט און בכלל די נייטיקסטע מאטעריאלן ווי עס דארף אזא אונטערנעמונג.

**מיר** ווילן נישט פארלייקנען, אז מיר האבן דעמראזיקן באשלוס אנגענומען ערשט נאָך א לענגערן ישוב-הדעת. מיר האבן זיך טיף פארטראכט אין דעם ענין און לאנג גיקלערט צי מיר זאלן דאס טון. ווייל באמת איז עס נישט אזא גרינגע זאך. עס האט אבער גובר גיווען די אידעע פון „בית יעקב" און „בנות אגודת ישראל" איבער אלע ספקות און חששות, צי דאס וועט גילונגען. מיר האבן זיך גישטעלט דעם ציל מקיים צו זיין אונדזער הבטחה אין פאר א יאריקן יובל-נומער, ארויסצוגעבן דעם „בית יעקב" יעדע צוויי וואכן און נאכמער האבן מיר גיהאלטן פאר אונדזער הייליקן חוב דערמיט אויסצופירן דעם באשלוס פון דעם לעצטן בנות צוזאמענפאר, אויך אין דעם פרט.

**פונים** 61-טן נומער אָן וועט „בית יעקב" אי"ה פינקטלעך יעדן צווייטן פרייטיק זיין אין דער האנט פונים אבאנענט. דער פארמאט וועט בלייבן דער זעלבער. דער פרייז וועט זיין צוגענגלעך. אין זשורנאל וועלן קומען א גאנצע ריי פארבעסערונגען אין די „בית יעקב" און „בנות" באוועגונג וועט אין „בית-יעקב-זשורנאל" ערשט האבן די ריכטיקע טריבונע. עס וועט זיין א ארט פאר די אקטועלסטע ידיעות און אפטע באריכטן און דאס וויכטיקסטע, דאס איז שוין א גאר נאָנטער טריט צו קענען בקרוב געבן זעם זשורנאל „בית יעקב" זיין אמת-דיקן תקון, **דער זשורנאל זאל אָנהייבן ארויסגיין יעדע וואך:**

**וואס-זשע** איז דאָ יעצט צו טון? אז אונדזער ידיעה וועט ארויסרופן א שמחה אין די ברייטסטע ארטאדאקסישע קרייזן איז גאר קיין ספק נישט. צי אונדזער גיוואגטער החלטה אבער וועט אויפוועקן די אפאטיש-פארשלאפענע און קאלט-גלייכגילטיקע, עפעס צו זיין בייהילפיק, דאס איז די גרויסע, די גאר הארבע פראגע...

**עס** איז דאָ א סך צו טון, דער עיקר איז אבער, אז ס'מוז שוין גיטון ווערן. וואס איינער קאן דארף ער טון, מער צי ווייניק, אבי גיטון; זאל זיין מיט עפעס צוגיהאלפן, נאָר נישט וועלן זיך פטרן און יוצא זיין מיטן לייענען אונדזערע מודעות!

**אין די טויזנטער ליגן אונדזערע בריף פונאנדערגיווארפן, זיי ליגן ביי אייך און ווארטן אויף אייער ענטפער: אבאנירט דעם בית-יעקב זשורנאל, זעט, אז אייערע פריינט און באקאנטע** זאלן אויך אזוי טון. שיקט אונדז אדרעסן וואוהין מיר זאלן זיך אליין קענען ווענדן. נוצט אויס די חול-המועד-טעג און קארגט נישט אייער ביסל מיטהילף צו אזא גרויסער ארבעט.

## די גרויסע פרעסע-וואך פון דער ארטאדאקסישער פרוי

גיפאלט אין חול-המועד סכות. אין די טעג דארף יעדע באוואוסטזיניקע יידיש-רעליגיעזע טאכטער גיין פון שטוב צו שטוב, און קודם פאדערן מבער זיין אלע גיפטיקע אין דעמאראליזירנדע צייטונגען פון יידישן הויז. אויפקלערן יעדע יידישע מוטער די גיפאר, וואס די שונד-בלעטער זענען פארן יינגען יידישן דור. פרעגן אומעטום צי עס קומט אריין די ריינסטע און אמת-דיקע יידישע צייטונג, **„דאס יודישע טאגבלאט"** און טאקע באלד אויפן ארט אויך אויפנעמען גיזיכערטע אבאנענטן פארן בית-יעקב-זשורנאל, אויף א יאר, האלב יאר, און לפחות אויף א פערטל יאר.

**אויף** אייך חברות פון „בנות אגודת ישראל" און לאנג יעריקע טועריגס פאר אונדזער גידרוקט ווארט, שטיצן מיר זיך איגנאנצן; „בית-יעקב-זשורנאל" איז אייער אייגנציקער ארגאן און, אז אלס צוויי-וואכן זשורנאל וועט בית-יעקב אייך יידישע תורה-טרייע טעכטער ברענגען כבוד און נוצן, פארשטייט איר דאך אליין.

**מיר** טון דאס אונדזעריקע און נאכמער ווי מיר זאָגן צו וועלן מיר ארבעטן, און איר גידענקט וואס איר דארפט טון.

**איילט** צו מיט דער ארבעט און זאלן מיר שוין אין קומענדיקן נומער קענען מיט פרייד דערציילן אז אויך „בית יעקב" אלס צוויי וואכן זשורנאל, האט שוין א זיכערן פעסטן יסוד.

**פארלאג**
**„בית יעקב"**
**לאדזש**

## לייגט אויפמערקזאם

**אלע** אגענטן און פרעסע קאמיסיעס, וואס זענען שולדיג גיבליבן אפילו דעם קלענסטן סכום פון יאר תר"ץ האבן נישט באקומען דעם הייַנטיקן ימים-טובים-נומער.

**איינצעלנע** אבאנענטן, וואס האבן נישט איינגיצאלט פריערדיקע לכל-הפחות פאר א קווארטל, האבן אויך נישט באקומען דעם הייַנטיקן נומער.

**די** צווייטע עקספעדיציע פון הייַנטיקן נומער וועט ארויסגישיקט ווערן אזוי, דאס אויף סוכות זאל שוין יעדער

**אדמיניסטראציע**

ב"ה,
לאָדזש
תשרי
תרצ"א
ŁÓDZ Październik 1930
№ 58 Rok VIII

# בית יעקב
חודש זשורנאל

ארגאן פאר די אינטערעסן פון בית יעקב שולען און ארגאניזאציעס בנות אגודת ישראל אין פוילען

# גיזען פון דער נאָנט...

פון
א. ג. פרידנזאָן

**דאָס** צונויפקומען זיך יעדעס יאָר אין ראַבקע בעת דער פעריען-צייט דאַרף מען בלי-ספק פאַררעכינען צו די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער בית-יעקב אַרבייט. הן דאָס צונויפקומען זיך פון דער לערערשאַפט, הן דאָס צונויפטרעפן זיך פון די צענטראַלע טוער, האָט פאַר דער זאַך אַ שטאַרקן תועלת. שוין נישט רעדנדיג פון די שעורים, וואָס גיבן אַ גאַנץ שיינעם בייטראַג צום השתלמות פון אונזערע טרציערינס, איז פון נאָך מער וויכטיקן באַדייט די קאָנפערענצן און שמועסן, וואָס ווערן בעת די פאָר חדשים כסדר גיפירט. די דאָזיקע קאָנפערענצן און באַראַטונגען נ׳ מען אַרוס די שווערסטע פאַרוויקלטסטע שאלות און פראָבלעמען פון דער באַוועגונג.

**אַזוי** זעען מיר טאַקע ווי יעדעס יאָר, וואָס עפּיס נייעס און נוצליכעס ס-ווערט גישאַפן פאַר אונזער באַוועגונג. איז דאָס על-פי רוב אַ פּועל-יוצא פון די באַשלוסן וואָס זענען בעת די פעריען-קורסן אָנגינומען גיוואָרן. אַזוי גישעט דאָס כמעט מיט יעדן אויפטו אין פּעדאַגאָגישן ווי אין אָרגאַניזאַטאָרישן אַרביטס-גיביט פון „בית-יעקב" שול-וועזן.

**צו** די גאָר וויכטיקסטע דערשיינונגען בשעת די יאָר-יערליכע צוזאַמענטרעפן אין ראַבקע מוז מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג דערמאָנט ווערן, דאָס אויסשמועסן זיך פון די לערערנס צווישן זיך אַליין, בעת די אָפיציעלע קאָנפערענצן און עפנטליכע זיצונגען, ווען עס קומט צו רייד וועגן די אָנגיוויטיקטסטע פראַגן פון דער שול-אַרביט, פילט מען אַרויס די שוין אויסקריסטאַליזירטע קלאָרע דעות, וואָס זענען אַ בולטער באַווייז פון זייערע שמועסן צווישן זיך. יעדע איינע גיט איבער אַ צווייטער פון איר דורכגילעבטער פּראַקטיק און דער אויסטויש פון די איבערלעבינישן פון די פאַרשידענע געגנטן, וואו ס-הערשן פאַרשידענע באַדינגונגען, גיבן דערנאָך אַ קלאָר בילד פונים מצב און דערפירן, די אָפיציעלע אסיפות, וואו ס-באַטייליקן זיך אויך די צענטראַלע פאַרשטייער, צו אָנרעגונגען פאַר די גיהעריקע החלטות.

**בכלל** ווייזט זיך אַרויס, אַז וואָס מער שולן ס-ווערן גישאַפן, וואָס לענגער די שולן עקזיסטירן און וואָס ברייטער אונזער באַוועגונג צוואַוואַקסט זיך אַלץ גרעסער ווערט דער לאַבירינט פון פראַגן וואו מיר מוזן אַריינגיין מיט אַלע חושים, אַלץ גאָר נייע פּראָבלעמען ס-מוזן אונדז באַשעפטיקן.

**מיט** פינף יאָר צוריק בעת די ערשטע קורסן אין ראַבאַוו, האָבן מיר גיחלומט פון שול-ביכער. און איצט ווען מיר האָבן שוין אַ טייל, מוז מען טראַכטן פאַרבעסערן די-דאָזיקע און וועגן אַרויסגעבן נייע. דער דוחק אין גוטע שול-ביכער ווערט אַלץ גרעסער. און דער ווי-גישריי שוין פון הונדערטער אָן ע"ה לערערנס, איז שטאַרקער ווי פון די צענדליקער פריערדיקע. זינט אָנהייב האָבן מיר גיקלערט וועגן עפּעס אַן-עצה ווי אַזוי צו דערהאַלטן די קינדער נאָך דער שול-צייט ביי אונדז. איצט איז שוין דאָ אַ בנות-באַוועגונג, וואָס לייגט אויף אונדז אַרויף גאָר גרויסע און גיוואַלטיקע התחייבותן. אין די ערשטע צייטן איז נישט גיוועזן אפילו קיין מעגליכקייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער לשון-פראַגע ביי אונדזער פרויען-יוגנט און אַצינד זעען מיר, אַז דאָס איז אויסגיוואַקסן צו אַ פּראָבלעם, אויב מיר ווילן, אַז אונדזער אַרבעט זאָל נישט חלילה גיין לאיבוד. כהנה וכהנה זענען צוגיקומען ענינים מיט וועלכע ס איז ענג פאַרבינדן דעם קיום און ענטוויקלונג פון אונדזער הייליקער זאַך און מיר זעען שוין, אַז אונדזער באַוועגונג הייבט זיך ריכטיק ערשט אָן און מיר דאַרפן זיין צוגיגרייט צו דער ריזיקער אַרביט, אין זאָרגן פאַרן פתרון פון די אַלע שוין פאַרהאַנענע פּראָבלעמען, און פון די וואָס וועלן כסדר נאָכקומען.

**וואָס** ס-באַדאַרף יא דערפרייען אונדזער עולם, איז דער גוטער גורל, וואָס איז אויסגיפאַלן אויף דער בית-יעקב-באַוועגונג, איינצושטיין לפי-ערך אין אידעאַלע הענט און על-פי רוב פאַרנעמען זיך דערמיט מענטשן, וואָס זענען ראוי הערצו. פון דער לערערשאַפט ביז כמעט אַלע אַנדערע. וואָס גיפינען זיך אין דער צענטראַלער אַרביט, זעט מען גיניג פעאיקע כחות און נאָכמער, איבערגיגעבינע בלב ונפש צו דער זאַך און דאָס שטאַרקט דעם בטחון, אַז מיר וועלן קומען צום ציל בתכלית השלמות.

**דאָס** היינטיקע מאָל האָבן מיר ביי די קורסען אין ראַבקע גיהאַט אַ פנים חדשות. דעם באַקאַנטן גילערנטן און פריערדיקן קעמפער פאַר יידישקייט אין יידיש, ד"ר שלמה בירנבוים. דער לעצטער איז גאָר אַ אָנגילייגטער גאַסט אין דער בית-יעקב-אַרביט. ס-איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז דער לימוד פון יידיש-לשון אין אונדזער שול איז נאָך ווייט נישט אויף קיין גיהעריקער מדרגה אַוועקגישטעלט, און ס-באַדאַרף נאָך אויף דעם גיביט אַריינגיברענגט ווערן פאַרבעסערונג און סדר. נו, פאַרשטייט זיך דאָך שוין אַליין, אַז דר. שלמה בירנבוים קאָן דאָ אַ סך אויפטון. אַלס דער איינציקער אויטאָריטעטער מומחה צווישן אונדז אויף דעמדאָזיקן גיביט, וועט זיין לערינען יידיש מיט אונדזערע לערערנס האָבן אַ גאָר שטאַרק תועלת, און מען האָט דאָס שוין טאַקע גיזען בעת דער קורצער צייט אין ראַבקע.

**נאָך** מער מיין איך קאָנען מיר זיין צופרידן פון דער החלטה וואָס מיר האָבן טאַקע אַדאַנק זיין השפעה אָנגינומען: איינצופירן זיין אויסלייג (אָרטאָגראַפיע) אין אונדזער שול. און דאָס זאָל אויך באַלד פון דער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער

פרײַטע אַנגינומען װערן. איך בין אפילו גינוג באַקאַנט מיט דעם
ב טון ל, וואָס א סך האָבן צו דעם גאנצן ענין. די מעשה איז
אָבער, אז כמעט א ל ע, וואס װארפן אריין חשש ות אין דער
חיכטיקייט און נוצליכקייט פון דעם אלט-גייעם אויסלייג, און
יעדער אייגער וואָס באוואַרפט
פיטקשיות די דאָזיקע החלטה,
האָט נאָך קיין איינער פון די
זעלבע, זיך בכלל נישט פאר-
טראַכט טיפער אין דעם פּראָבלעם.
נאָך נישט אדורכגיליינט דאָס
ביכל „יידישקייט און לשון”, וואו
פ-חערט אויפגיקלערט באריכות
דער באַדייט פון דער גאנצער
זאַך. חער שמועסט נאָך ווען די
אלע קשיי-פרעגער, וואָלטן נאָך
גיהערט פה אל פה דעם דר.
שלמה בירנבוים רעדן וועגן דעם
ענין, מיט וואָסאַרע ברען דער
מענטש ווייזט אויף די טובה פאר-ן
יידישקייט דערפון אין דער צו-
קונפט און נאָך מער ווי פילאָ-
לאָגיש אויסגיהאלטן. ער באַגרינ-
דיט זיין אויסלייג, בין איך אוי-
סער יעדן ספק, אז זיי וואָלטן
גאָר אנדערש גיקוקט אויף דער
פראַגע. דערווייל אָבער מיין איך,
אז דעם ערשטן טריט האָבן מיר שוין סיי-ווי גישטעלט, דער
אויסלייג ווערט איינגיפירט אין אונדזערע שולן און אין דער
ב"י ליטעראטור, און דאָס װעט שױן במילא פריער צו שפעטער
פירן דערצו, אז אונדזער גאַנצער אָרטאָדאָקסישער עולם וועט
קימען צו דער הפרה, אז אויך דאָס איז א מיטל צו שטאַרקן
אונדזער הייליקן רעיון.



די לערערינס אין ראבקע

*

זאָל אויך נאָך פארצייכנט װערן דער דערפאָלג פון דעם בנות-פירערן-קורס. דערדאָזיקער קורס ווערט פון יאָר צו יאָר אַלץ גי-דיכטער באַזוכט און דאָס אַליין איז אַ סימן אויף זיין חשיבות. מיר אלע ווייסן דאָך אז דער פי-רערן-מאנגל איז די אָנגיווייטאָגט-סטע פראַגע פון דער בנות-באַ-וועגונג, און א דאַנק דעם קורס באַקומט די אַרביט אַ פיל פאַר-בעסערטן פאָרים און טיפערן אינהאַלט. דאָס לערינין ביים פי-רערין-קורס גיט באמת די באַ-טייליקטע אין אים גאָר אַ סך און ס-וועט זיי דערנאָך שטאַרק נוצן. ס בלייבט נאָר איבער צו האָפן אז דער פירערן-קורס, זאָל וואָס אמאָל אלץ מער פארברייטערט ווערן און די בנות-אַרביט וועט ארויסקומען אַלץ ווייטער שענער שטאַרקער און הצלחה-פולער.



די בנות-פירערנס גייען צום לערנין

## פון דער רעדאַקציע

דער היינטיקער נומער ווי איר זעט, איז שוין גישריבן מיטן נייעם אויסלייג, ווי ס-איז באשלאָסן גיוואָרן אין ראבקע. צוליב טעכנישע סבות זענען אָבער נאָך פאראַן געווויסע אומקאָנסעקווענ־צן, וואָס וועלן אין קומענדיקן נומער שוין זיין אויסגי-בעסערט. אזוי אויך גיבן מיר אין קומענדיקן נומער דעם „אלף בית פון אָרטאָדאָק-סישן אויסלייג” פון דר. שלמה בירנבוים.

א הארציקן ברכה-פולן מזל-טוב ווינטש איך מיינע ליבע פריינדינס ריינזל שאַפּירא צו איר פאר-לאָבונג מיט ה' רובין און מצסא וויטלזאָן צו איר חתונה מיט ה' מיראָוויטש. זאָל אייער לעבענס-וועג מיט הימלישע גליק באצירט זיין.

פלונסק ספרה לובאַרט

א הארציקע כתיבה וחתימה טובה! ווינטשן מיר אונדזער חשובער-ליבער שרה שענירער.

לענטשיץ לערערין קויפּמיל
ב"י-שילערינס בנות-אגודת-ישראל בתיה-סאַרבאַך

צום נייעם יאָר ווינטשן מיר אונדזערע גייסטיקע פירערינס פרוי שרה שענירער, פרל. לאַנדס-בערג, פרוי וואַציאַזש, און אלע אונדזערע אידעען-שוועסטער א כתובה וחתימה טובה.

קראשניק לערערן אייכענבוים
בנות-אגודת-ישראל בית-יעקב-שילערנס

א הארציקן מזל-טוב ווינטשן מיר דער ג. חברה פרל. בלום צו איר פארלאָבונג מיט ה' טכורעק (סאכאצין) זאָל אייער צוקונפט זיין א בליענדע.

פלאָנסק בנות אגודת ישראל



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פראגמענט ש. באַדלער

## פון דער בעש"ט סימפאָניע

III

„**זאָל** זיך מיר באַלד
דער גאַנצער וואַלד
דאָ צונויפגיין;
סאָסנעס, טאָפאָלעס,
אלחעס, סמערעקעס,
בוקעס, בערעזעס
דעמבעס און יאָדלעס
זאָלן מיר אויפגיין
אַהער אויפ-ן רוקן
פונים באַרג,
הענט צו הענט
זיך פלעכטן שטאַרק
און ווערן די ווענט
פון מיין סוכּה!"

**אַלץ** דער גאַנצער וואַלד
גיקומען באַלד,
דעמבעס, בוקעס
און די סמערעקעס,
טענעס, אלחעס
און די בערעזעס,
סאָסנעס, יאָדלעס
און די טאָפאָלעס —
און זיך גיפלאָכטן
צווייגן מיט צווייגן,
הענט מיט הענט
און זיך גישטעלט
רוקן צו רוקן:
אָט שטייען שוין די ווענט
פון דער סוכּה.

„**זאָל** נידערן אַראָפּ
דאָס תּכלת-צעלט
און ווערן אַ דאַך,
במקום סכך.
און כּל מיני בלומען
פון דער גאַנצער וועלט
זאָלן צובליען זיך דאָ,
ריחות און בשמים
און מתיקות:
אין אַ גוטער שעה,
דער נוי של סוכּה!"

**אַלץ** גישען אַזוי
דאָס תּכלת-צעלט
איז גיוואָרן דער דאַך,
פון דער גאַנצער וועלט
זענען בלומען אַסאַך
יגקומען צוטאַנצט,
באַצירט און באַקראַנצט
מיט חן און מתיקות
און גיוואָרן דער נוי
פון דער סוכּה.

„**און** ס-זאָל מיר קומען
די זון
און זיך אויפהענגען, שטאָט אַ לאָמפּ,
אין גיבלעטער פון דאָמב.
וואָס איז גידרונגען דאַפון?
אַז נישט דער דאָמב
דאַרף וואַקסן צום לעבט,
נאָר אַז ס-דאַרף נידערן די זון
אין זיין בלעטער גיפלעכט,
וואָס לעבצט נאָך לעבט!"

**האָט** אַראָפּגינידערט די זון
און זיך אויפגיהאָנגען,
שטאָט אַ לאָמפּ,
אין גיבלעטער פון דאָמב.
איז גידרונגען דאַפון,
אַז נישט דער דאָמב דאַרף וואַקסן
צום לעבט
נאָר די זון
דאַרף נידערן אין זיין בלעטער פלעכט,
וואָס לעבצט נאָך לעבט. —
אמן.

הארכיון היהודי

# צוויי זענען זיי גיווען...

דערציילונג

## פון אַלימלך שטייער

**חנה** האָט פאַרלאָזט די שול, גיהערט הינטער זיך די פריילעך-צושפּילטע קינדערישע קולכ-לעך און דערפילט אַז אַזאַ מין קינדישע פרייד שפּאַרט אַדורך איר גאַנץ וועזן. איר האַרץ האָט זיך עפּיס אַזוי לעבעדיק צוטאַנצט, איז זי גילאָפן אַ צושטורמטע, פליענדיק זיך גיטראָגן איבער דער שטאָט מיט אַ פרייד אין האַרצן. גיהאַט דאָס גיפיל פון אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין צוריקגיפונען, אין האַרצן האָט גישפּאַרט די טאָג טעגליכע גליקזעליקייט פון אַפּטון אַ וויכטיגע זאַך. זי האָט זיך גיפונען הינטער דער שטאָט, האָט זי נישט גישפּירט דעם האַרבסטיקן ווינט וואָס האָט גיבלאָזן פאַרנאַכטליך-שאַרף און נישט באַמערקט די געל-פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס האָבן זיך קופּעסווייז גיוואַלגערט ווינטיק-צושויבערט אויפן וועג. אין אירע אויגן האָט אַלץ מילד-צוגרינט גיגלאַנצט. מיטאַמאָל האָט זי באַמערקט עפּיס אַ סילועט פון אַ מענטש אויפן שטעג, וואָס האָט גישפּאַצירט מיטן קאָפּ אַראָפּגילאָזט און פאַרלייגטע הענט און — זיך פאַרטראַכט.

דער מענטש איז גיגאַנגען טריט ביי טריט, זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט, און חנה האָט עטליכע מאָל אָנגישפּיצט אירע קורצזיכטיקע אויגן ביז זי האָט דערקאַנט און אַ ציטער גיטון פאַר איבערראַשונג... ס-איז דאָך זי, ביילטשע, איר אַמאָליקע האַרצנס-חברטע, וואָס אַז ערשט נעכטן צוריקגיקומען פון דייטשלאַנד. האָט אינעווייניק עפּיס אַ גיפיל אַן אַנדרימעלטס זיך אַוועק-אויף גיטון. האָט זי מיט שנעלע טריט און אַ יפגישפּאַרטע אָרימס אַקייגנגיאיילט — ביילטשע! האָט יענע אויפגיהויבן די אויגן. אַביסל איבערראַשט גיוואָרן פון אומגירעכטן באַגעגעניש און איר דערלאַנגט אַ וואַרימע האַנט — האָסט מיך דערקענט, חנה?.. האָט חנה עפּיס דערשפּירט אין דעם קול, אַזאַ מידן אומנאַטירליכן טאָן, אַז עפּיס האָט אין איר אַ צייק-גיטון, האָט זי שאַרף פון דער נאָענט אָנגיקוקט איר אַזוי נאָענטע פריינדין פון די יוגנט-חלומות און גיזען דעם שטאָלענעם גלאַנץ פון אַ פּאָר גראָע אויגן, וואָס האָבן גיקוקט אין אַ זייט..

זי האָט גיפּרובט פון אונטער דעם אַש פון יאָרן אויפשייבערן אַ פינק און צו איר פאַרווינדערטע שרעק דערפילט עפּיס אַזאַ פאַרוועבלטע פרעמדקייט. האָט זי שוין אַ ערנסטע, נישט מיט איר קול גינומען אויספרעגן וועגן סתּם-אַזוי באַנאַלע זאַכן און אויף זיך כּסדר נישפּירט אומהיימליך-אָנגישפּיצט דעם בליק פון איר חברטע, וועלכע האָט קאַרג גיענטפערט מיט קורצע אָפּגיהאַקטע ווערטער און ווייטער פינצטער גישוויגן.

זענען זיי אַזוי גיגאַנגען און גיגאַנגען אומהיימלעך. פּלוצים האָט יענע אויפגיהויבן די אויגן, שאַרף אַ קוק-גיטון, אָנגינומען חנהן פאַר אַ האַנט און מיט אַ כמעט-האַרטער שטים גיזאָגט: — קום, לאָמיר זיך אַנידערזעצן אָט-דאָרט. חנה איז נאָכגיגאַנגען און אין האַרצן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי פּלוצים דערשפּירט אַ קעלט אין אַלע ביינער. — ס-איז קאַלט... האָט זי גיזאָגט, בכדי מיט עפּיס צו איבערהאַקן דאָס פּייניקלעכע שטילשווייגן. ביילטשע האָט זיך מיטאַמאָל טרויעריק צושמייכלט אין די מויל-ווינקלען — קאַלט?.. גימיינט, אַז אין שטעטל איז וואַרימער ווי אין יענע גרויסע „בבל-טורעמס", פון וואַנעט



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אויף דער שוועל פונים נייעם יאר

### פון שרה שענירער

**דאס** יאר גייט צום סוף און ווידער דארפן מיר זיך אפגעבן א דין וחשבון, צי מיר האבן אויסגעפירט דאס יאר, וואס מיר האבן אויף זיך גענומען פאר א יארן. מיין ערשטער גידאנק פאלט אויף דער צווייטער כנסי' גדולה, וואו איך האב היינט א יאר זיך געפונען. פאר מיינע אויגן לעבט נאך דאס בילד: טויזנטער דעליגאטן און די גדולי הדור בראש. איך הער נאך זייערע גליענדע ווערטער, וועלכע רופן אלע אגודיסטן צו א אינטענסיווער ארבייט להרמת קרן-התורה.

און ווייטער זע איך מיך אין גרויסן זאל פון „ביירישן הויף", ווי מיר פרויען פון דער גאנצער וועלט האבן איבער די הייליקסטע יידישע פליכטן גירעט. דאס אלץ האט ביי מיר אויסגיזען ווי א חלום.

און דעם ערשטן ערפאלג גידענק איך נאך גוט. די צוויי פרויען פון ריגע, וועלכע האבן באלד בשעת מעשה אנערקענט די באדייטונג פון שייטל און באלד זייער אנערקענונג טאקע רעאליזירט, אז מ-האט זיי אין די לעצטע טעג שוין גיזען מיטן שייטל שטאלצירן...

עס קומט אבער נאך אלץ די פראגע: צי האט מען אלע החלטות אויסגיפירט?

יעדער וועט ענטפערן: „אפילו קיין טייל אויך נישט", אויך איך וועל דאס אפלייקינען, דאך זענען די דערגרייכונגען אויפן געביט פון חנוך גראד נישט אזוי ווייניק — פיל ישיבות חדרים זענען ב״ה צוגיקומען. דעם אויבנאן פארנעמט נאטירלעך דאס אויסענדיקן די „ישיבת חכמי לובלין", וועלכע וועט בע״ה יראים ושלמים ארויסגעבן.

אויך דער גידאנק פון א רעליגיעזער טעכטער-ערציאונג און טהרת-המשפחה פארשטארקט זיך. באזונדער פריידיק איז צו פארנאטירן די ניי-געגרינדעטע בנות-ארגאניזאציעס און בית-יעקב-שולן אין אויסלאנד. אויך אין ווין ווערט ר״ח חשון גיעפנט א לערערין-סעמינאר, פאר מערב-איראפע און די ערשטע ב״י-שול אמעריקא צו וועלכע ס-פארט אפ איינע פון אונדזערע בעסטע לערערינס פרל. פיטקאווסקא.

אצינד בלייבט אבער נאך איבער זיך אפצוגעבן א דין וחשבון, צי מיר האבן גיניג אונדזערע כחות אפגיגעבן פאר דער ארבייט לטובת אונדזערע הויכע צילן. צי האבן מיר באמת מיט אונדזערע אלע כחות גיזארגט, די פילע פארבלאנדזשעטע שוועסטערן צוריקצוברענגען צו אונדז? צי האבן מיר זיך נישט צופיל גיטרייסט מיט דעם, וואס מיר האבן שוין אויפגיטון?

דער שופר רופט אונדז!

יא, ס-איז דער רוף פון מלך מלכי המלכים, וועלכער זוכט דורכ-ן שופר-רוף זיין סטאדע „כבקרת רועה עדרו" א איינהייטלעכע ג-טליכע סטאדע האבן מיר גיזאלט זיין! כאטש מ-איז פארשידנארטיק אין גישלעכט, אין כאראקטער און גייסט, פארשידן אין גידאנקן אין טאט, האבן מיר דאך גיזאלט זיין א איינהייטלעכע טשערעדע גיפירט פון א י י ן פאסטוך.

און וואס זענען מיר גיווארן?

דעם א י י נ ע ם האבן א סך פארלאזט און איבער דעם האט איינער דעם צווייטן פארלוירן! מיר האבן זיך גיזאלט פילן נאנט אין די ווייטסטע ווינקלעך פון דער וועלט, און דערוויל זענען די נאנטע צווישן זיך, אליין דערווייטערט גיווארן. ס-פארשטייט שוין נישט דער פאטער זיין זון, איין ברידער פארשטייט נישט דעם צווייטן, איין שוועסטער קען נישט מער די צווייטע...

און פארוואס?

ווייל פיל גייען זוכן פרעמדע פעלדער, יעדער זוכט זיך אן אנדערן פאסטוך, יעדער זוכט זיך ס-גליק פון לעבן לויט זיין אייגענעם שכל.

יא, מיר האבן דעם טאג פון פריפונג נישט אויסגיהאלטן! הונדערטער און טויזנטער יארן, האט אונדז דער א י נ ע ר גיפירט, אבער ווען ס-איז גיקומען דער טאג פון פריפונג, זענען מיר שוואך גיווארן און מיר זענען דעם נסיון בייגישטאנען.

יא, מיר האבן זיין ווערק נישט באגריפן. מיר האבן גיזען, ווי אנדערע פעלקער זוכן נייע פאשע, א נייעם פאסטוך, האבן מיר גיוואלט זיין מיט זיי גלייך, און האבן אויך אנגיהייבן טון אזוי ווי זיי, אבער ליידער... זייט דעמאלט בלאנדזשען מיר צוזאמען מיט זיי, אן א אמת-ע שמחה, אן שלוה מיט זיך, כאטש אויסערלעך דאכט זיך, אז מיר זענען רואיק און צופרידן.

אצינד קומט אבער דער אלטער פאסטוך צו אונדז מיטן רוף פון זיין שופר, און גייט אונדז נאך אומעטום, ווי מיר האבן זיך פארבלאנדזשעט, זוכנדיק אונדזערע כלומרשטע גליקן און רופט צו יעדן, קום, רייס דיך אפ פון דיינע נארישקייטן, קום מיט מיר!

און דא טרעפט ער צוערשט אונדזערע יונגלעך, א טייל פון זיי זיצן נאך ב״ה אין די ישיבות און אין די חדרים, לערנענדיק מיט גרויס התמדה די תורה הקדושה, וויסנדיק, אז נאר אין איר איז דאס גרעסטע גליק פארן מענטש פאראן.

ווי זעט אבער אויס דער אנדערער טייל? יא, אויך אין דעם לאנד, וועלכעס האט גישמ-ט אויף דער גאנצער וועלט מיט זיין שטארק יידישקייט, טרעפט ער יידישע קינדער אויף פרעמדע פעלדער. זוכנדיק פרעמדע פאשע. זיי מיינען אזוי ארום צו שטייגן, ולסוף זינקן זיי וואס אמאל טיפער אין אפגרונט.

אבער דא טרעפט זיי דער שופר-רוף. און ס-איז דאך דער אלטער רוף, פון זייער אלטן פאסטוך נאך פון בארג סיני און ווען ער רופט, וויל ער דאך, אז זיין גאנצע סטאדע זאל אויף דעם רוף זיך צונויפקומען. און וואויל איז דעם ביסל יונגע מענטשן, וועלכע קומען טאקי צוריק, וואס האבן דעם מוט איבערצערייסן מיט זייער אלטן הבל-לעבן און אנהייבן פון א ניי-אמת-יידיש לעבן!

און וועמען נאך וועקט דער שופר-רוף?

ער מיינט אויך אונדזערע טעכטער, די טעכטער פון דער צייט, א טייל פון זיי האבן שוין זינט א פאר יאר זיין רוף פארשטאנען, און זיך אין א „בנות אגודת ישראל" ארגאניזירט מיטן איינציקן אידעאל: לעשות רצונו בלבב שלם! זיי פילן שוין דאס אמת-ע גליק פון אונדזער יידישן לעבן. אבער ווי זעען אויס די איבריקע טעכטער פון ישראל? זיי זענען שוין ליידער נישט אונדזערע טעכטער, וועגן וועלכע דוד המלך זאגט: „בנותינו כזוית מחטבות", וועלכע זענען די זיילן, די גרונדשטיינער פונים יידישן הייליקטום, פון יידישן הויז: ליידער! זייער הייליקטום איז זייער ווייט פון זיי... זייער הויז איז שוין קיין הייליקטום, זייער טיש נישט מער קיין מזבח...

יא, אזוי וואקסט נעביך אויף א טייל פון די צוקונפטיקע יידישע מוטערס. די מוטערס פון קומענדיקן דור, גארנישט באקאנט מיט א גייסט פון א מרים, יוכבד, דבורה, חנה, חולדה, אסתר יהודית א.א. זיי לאזן זיך פירן אין די אפרונטן און זיי פאלן וואס אמאל טיפער און טיפער, דארט ווו מ-זייעט דעם שקר און ס-וואקסט אויס די פוסטקייט!

און דעריבער, ווענד איך מיך צו אייך אלע שוין ארגאניזירטע בנות-שוועסטער:

(סוף אויף זייט 16)



ארכיון אסופות

# שופר-קלאנגען

## פון הרב דר. י. ווינבערג

**איבים** רעליגיעזן גידאנקן-קרייז פון רוב יידן לעבט דער שופר אלס אן איינפאכער תשמיש-מצוה, אלס אן אינסטרומענט, וואס דינט דערצו, אז אינים ראש-השנה-טאג זאלן מיר מיט דער גיהעריקער כוונה זיך צוהערן צו זיין שאלן. דאגעגן די טיפערע באדייטונג פון שופר, זיין פינאל-צוועק איז פאר די מאסן לגמרי אומבאקאנט. פאר די יעניקע, וואס ווילן טיפער פארשטיין דאס שופר-וועזן, גיבן מיר דא אונדזער אויפקלערונג.

„בלאזט פאר מיר מיט א הארן פון א ווידער, כדי ס'זאל אויפשטייגן פאר מיר די ערינערונג אן דער עקדה" (מסכת ר"ה). וואסארע שייכות עקזיסטירט אייגנטלעך צווישן דער עקידה און דעם שופר? און איבערהויפט פארוואס זאל גראד דער הארן און נישט אן אנדער אינסטרומענט דערמאנען אין דער עקדת-יצחק? מיר מוזן צוערשט אויפמערקזאם מאכן, אז דער שופר האט אינים יידנטום נישט בלויז אין ראש-השנה-טאג גיהאט זיין באדייטונג, האט גידינט נישט בלויז פארן טאג פון אינערלעכער חרטה און תשובה, פון הייליקייט און התקדשות-הנפש, נאר איז אייך באנוצט גיווארן אין די טעג פון שטורם און דראנג, פון קריג און קאמף (וכי תבוא מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות ונזכרתם לפני ד' וכו').

מיר זעען, אז די באדייטונג פון שופר איז גיוועזן א פילפאכיקע און אז דער דאזיקער אינסטרומענט איז גיברויכט גיווארן אין פארשידינע צייטן: טיילמאל האט ער גיהאט די אויפגאבע דאס פאלק צום קריג צו זאמלען און צו רופן, טיילמאל דאגעגן האט ער גיזאלט א יום-טוב-דיקע שטימונג צווישן ישראל פארשפרייטן. דא האבן זיינע קלאנגען גיווירקט ערשיטערנד, דערמאנענד. דארט ווידער האבן די זעלבע שאלנדע טענער גיזאלט צו העלדנטאטן אויפמונטערן. ווי אזוי זאלן מיר פארשטיין די קאנטראסטע אנווענדונגען פונים שופר, פון איין זייט זאל זיין קלאנג-רוף וועקן צו מאראלישער שטארקייט און זיטליכער ריינקייט און פון דער צווייטער זייט זאל ער ארויסרופן פיזישע קראפט, האס און ליידנשאפט? ס'איז אייגנטלעך די זעלבע סתירה, וועלכע מיר באגעגינען נישט נאר ביי דער שופר-אנווענדונג; ס'איז באמת יענער בולט-ער ווידערשפרוך, וועלכער דרינגט דורך די גאנצע מאדערנע קולטור, יענער אלטער קעגנזאץ צווישן רעליגיע און פאליטיק, צווישן אידעאליזם אוןווירקלעכקייט.

אין דער יעצטיקער הייליקער ראש-השנה-שטימונג, האבן מיר די דרייסטקייט צו באהויפטן, אז די אנקלאגע איז טאקע באַרעכטיקט. מיר ווילן אבער באטאנען, אז אט די גירעכטע אנקלאגע רירט גארנישט אן אונדזער יידישן דת. גראד דורך די צוויי ווידערשפרעכנדע שופר-אנווענדונגען, ווייזט אונדז דאס יידנטום, אז אט-די צוויי געגנזאצן באזיצן א גימיינזאמען פונקט, א גימיינזאמען אינהאלט. איין בליק אין די כתבי-הקודש ווייזט אונדז, דאס אויך דער קריגס-שופר האט גיהאס א מאראלישן צוועק, אז דאס יידנטום האט קיינמאל נישט אנערקענט קיין קריגס-אונטערנעמונג, וואס האט גיהאט וועלכע ס'איז עראבערונגס-צילן, כדי ווי אמדייטלעכסטן אויפצווייזן די נישט-ריכטיקייט פון די מאדערנע ביבל-פארשער, וועלכע באמיען זיך צו גיפינען אין די הייליקע שריפט די רעכטפארטיקונג פון מלחמות, וועט גינוג זיין זיך צו דערמאנען אן די דערציילונג אין דברי-הימים: דוד האט גיוואלט ג—טס הויז בויען. ג—ט אבער זאגט צו אים: „דו ביסט נישט דער בארופענער מענטש דערצו, דיינע הענט זענען מיט בלוט באפלעקט".

גיוויס, מיר לייקענען עס גארנישט אפ, אז דער שופר רופט אונדז צום קריג, צום קאמף. דער רמב"ם ז"ל זאגט, אז דער שופר האט די אויפגאבע דעם מענטש פון זיין שלאף צו וועקן, אים אויפצופאדערן צו טאטן. דער קול-שופר באדייט א קריגס-סיגנאל, און ראש-השנה איז דער טאג, ווען ס'מוז פארקומען די קריגס-ערקלערונג. דער מענטש מוז אנגיגורט זיין צים קאמף, צו א קאמף פול מיט אפפער און זעלבסט-באגרעניצונגען. ס'איז אבער נישט דער קאמף פון מענטש געגן מענטש, פון ברודער קעגן ברודער, נאר א קאמף, וואס דער מענטש האט מיט זיך אליין צי פירן, דער קאמף פונים נשמה-עלימענט אינים מענטש מיט דעם, וואס איז אין אים חיה-שעס, א קאמף, וואס זיין ענד-ציל איז די פארברודערונג פון אלע מענטשן.

מיר בעטן אין ראש-השנה: „ועקדת יצחק ברחמים תזכור" („און יצחקס עקדה זאלסטו אונדז דערמאנען מיט רחמים"). מיר דערמאנען אלזא דעם ערשטן קרבן, וואס דער ערשטער ייד האט גיבראכט. מיר געבן אבער גלייך צו: גידענק עס מיט „רחמים", עס קלינגט מעגלעך ווי א ענטפער אונדזערע פיינט, וואס טענין, אז ווען ס'האנדלט זיך וועגן אפפערן עפעס פאר א אלגימיינער זאך ציען זיך די יידן שטענדיק צוריק, איבערהויפט דערשרעקן זיך יידן פאר יעדער אפפער-טאט, פאר יעדער זעלבסט-באגרעניצונג. דער דאזיקער פארווארף איז אמת, און דאך ענטהאלט ער אין זיך די גרעסטע רכילות. אינגדז האט מען קיינמאל נישט גיקאנט גיווינען פאר אן אידעע, וואס ברענגט שלעכטס דער מענטשהייט, דאגעגן זענען מיר גיוועזן די ערשטע וואס פאר א זיטליך אידעאל האבן מיר גיניג קרבנות אפגיגעבן.

ועקדת יצחק ברחמים תזכור! —

מיר רופן מיט שטאלץ אויס: דער ערשטער ייד האט זיין בעסטעס און טייערסטעס גיוואלט פאר זיין אידעאל אפפערן אט די אפפער-ווילינקייט איז איבערגיגאנגען ביים יידישן פאלק אין זיין גאנץ וועזן, אין זיין בלוט און פלייש. וואס איז דען אייגנטלעך דאס לעבן פון א ייד? אן אומאויפהערלעך אפפערן, א שטענדיק ליידן און דולדן, און ווער בכלל האט דען נאך מער העלדן און העלדנטאטן אויפצווייזן, ווי דאס יידנטום! גיוויס, אונדזערע אידעאלן זענען גאר אנדערע.

ראש-השנה האט די אויפגאבע צו רופן דעם ייד צו תשובה, און דער ייד ברויך זיך זעלבסט באוואוסט צו מאכן, אז די יידישע אמונה פאדערט קודם-כל אפפער. ווער ס'אנערקענט ג—ט מוז גרייט זיין קרבנות צו ברענגען; ווער ס'מיינט, אז ס'איז א לייכטע זאך צו זיין א ייד, דער האט זיין יידישע אויפגאבע נישט פארשטאנען. ווער ס'קאן נישט מיטליירן און מיטדולדן, דער האט נאר נישט קיין גימיינזאמעס מיטן יידנטום. ראש-השנה איז דער טאג פון ענטשיידונג: דער ייד מוז אננעמען דעם פעסטן באשלוס, אז קוים ווייל ער א ייד זיין, מוז ער מיט זיין גאנצן „איך" אינים יידנטום אויפגיין. דער שופר דערמאנט אונדז אן אברהם, ביי אים שטייט: למען אשר יצוה את בניו, — דער יידישער פאטער ברויך צו זיין פאר זיינע קינדער דאס פארבילד פון אפפער-מוט און דולדזאמקייט, כדי זיין קינד זאל איבערנעמען די אלטע יידנטום-פאן און זי ווייטער טראגן. ער ברויך אלזא איינחזרן אין זיין קינד: „ייד צו זיין הייסט — קעמפער זיין". דער שופר-קלאנג פארקערפערט אין זיך אט די צוויי אין פלוג ווידערשפרעכנדע אידעען: קאמף און מאראלישע פעסקייט.



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 8 מתוך 28

# א שמועס מיט דר. שלמה בירנבוים

ווי באַוואוסט איז דר. שלמה בירנבוים גיוואָרן פאַרבעטן צו די קורסן פון „בית יעקב“ אין ראַבקע בעת די לעצטע זומער-חדשים. אַ מיטאַרבייטער פון רעדאַקציע האָט אויסגינוצט די גילעגנהייט און גיהאַט אַ שמועס מיטן חשובן גילערנטן און מיר גיבן איבער זיינע מיינונגען כמעט וואָרט ביי וואָרט.

רעדאַקציע

— וואָס האָט איר גילערנט ביי די זומער-קורסן אין ראַבקע?

— כ-האָב גילערנט אַ ביסל פון תרי-עשר, יידישע היסטאָריע און יידיש. דער ציל פון די צוויי ערשטע לימודים איז קלאָר. ביים לעצטן איז דאָ אַ ווייטערער און אַ נענטערער ציל. לערערינס, מענטשן, וואָס לערנען מיט יענים, וואָס רעדן, לשון איז זייער גיצייג, דאַרפן זיך סומך אויף גוטע טעאָרעטישע יסודות. איז גיוועזן דער ווייטערער ציל, אָנצוהייבן מיט אַן-אַרביט וואָס זאָל צופירן דערצו.

דער נענטערער ציל איז, פאַרשטייט זיך, ענג פאַרבונדן דערמיט:

מע דאַרף געבן פראַקטישע ידיעות. — דעם לימוד פון יידיש האָב איך צוטיילט אויף פאַרשידענע צווייגן, ווי גראַמאַטיק, פאָנעטיק, סטיליסטיק, היסטאָריע פון לשון, מעטאָדיק א. א. דער חסרון איז גיווען, וואָס מיר האָבן גיהאַט זייער ווייניק צייט אויף דעם לימוד פון יידיש. אויסלייג האָט מען ערשט גילערנט ביי די צווייטע קורסן, נאָך דער אויסלייג-קאָנפערענץ.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם עתיד פון יידיש ביי אונדז?

— ס-איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַזאַ שאלה קען היינט אויפשווימען ביי אונדז. דאָס ווייזט, ווי גרויס עס איז די סכנה פון אסימילאַציע. אויב דאָס יידישע פאָלק וועט זיך ווייטער האַלטן אין דעם וועג פון יידישקייט, וועט די מזרח-אַשכנזישע מחנה אויך ווייטער אויפהיטן איר לשון, יידיש, אויב חלילה ניט, וועט יידיש פערשוואונדן ווערן אין איינים מיטן יידישקייט, אין איינים מיטן אמתן יידישן פאָלק. דער לשון-נאַציאָנאַליזם פון די לינקע קען, דאַכט זיך, קיין קיום ניט האָבן. דאָס לשון איז פון איניווייניק שוין היינט אַסימילירט. און צוזאַמען מיט די טיילן פונים פאָלק, וואָס רעדן עס, מוז עס פאַרשוואונדן ווערן, ווייל זייער וועג פירט בהכרח צו אַבסאָלוטער אַסימילאַציע. — פון דעם היינטיקן מצב ביי די דייטשע אָרטאָדאָקסן קען מען זיך ניט אָפּלערנען קיין מעגליכקייט פון יידישקייט צוזאַמען מיט אַ פרעמד לשון. אין מערב איז טאַקי דאָס לעבעדיקע יידישקייט שטאַרק אָפּגישוואַכט. אויב פון די סימנים אויף פאַרבעסערונג, וואָס הייבן זיך אָן צו ווייזן, וועט אויסוואַקסן עפּיס אַממש, מוז אין משך פון דער צייט אויך גיבוירן ווערן אַ נייע יידיש לשון ביי די דייטשע אָרטאָדאָקסן.

— ווי אַזוי דאַרף מען אַרביטן פאַר יידיש?

די אַרביט פאַר יידיש איז ביי אונדז אַ טייל פון דער גאַנצער יידישקייט- און אַנטי-אַסימילאַציע-אַרביט. דעריבער איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז דערפון קען ווערן אַ לשון-נאַציאָנאַליזם. ווי גרויס עס איז דער פעדאַגאָגישער ווערט פון יידיש, דאָס האָט מען שטענדיק גיוואוסט, מ-האָט דאָך שטענדיק גילערנט אויף יידיש. ווי גרויס עס איז דער גיפיל-ווערט פון יידיש, דאָס איז אַלעמען גיוועזן קלאָר. דאָס גיפיל האָט נישט קיין גרעסערע שליטה ווי דורך אַ מאַמע-לשון. דעם ווערט פון אָפּזונדערונג פאַרשטייט זיך ביי יידיש פון אַליין — הן עם לבדד ישכון איז דאָך דעם אייבערשטנס רצון. און דער ווערט פאַר דער אמונה אַליין: אויף יידיש גיסט מען אויס דאָס האַרץ פאַר ג—ט.

די אַרביט פאַר יידיש הייסט היינט, קלאָר צו מאַכן די אַלע זאַכן אויך די מענטשן ביי אונדז, וואָס קוקן זיך נישט אום דערויף, ס-איז אויך נייטיק אָפּצוגעבן צייט אויף יידיש, צווישן די לימודים.

— וואָס האַלט איר פון דעם חשיבות פון יידיש ביי מיידלעך און פרויען?

— אין המשך צו מיינע לעצטע ווערטער, קומט דאָך טאַקע אויס, אַז אַ גרויסער טייל פון דער דאָזיקער אַרביט דאַרף מען טון ביי זיי. דאָ האָט זיך דאָך אָנגעהויבן אין אונדזער מחנה די אַסימילאַציע צו פרעמדע לשונות. ס'איז אָבער נאָך נישט צו שפּעט און איך האָף, אַז ס-וועט ניט לאַנג גידויערן, ביז דער רעיון פונים חשבות פון יידיש וועט געפינען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג אויך ביי זיי:

— ווי אַזוי דאַרף זיין אונדזער שייכות צו דער אַלגעמיינער ליטעראַטור?

— דאַכט זיך, מען קען ניט זאָגן „אַלגעמיין“, איטלעכע ליטעראַטור איז „אַלגעמיין“ פאַר זיך. איך וואָלט פּשוט גירעט וועגן דעם שייכות צו דער נישט-יידישער ליטעראַטור. טעאָרעטיש איז גאָר נישטאָ קיין פּראָבלעם. זייער גרויסע טיילן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור זענען גאַנץ אָפן אַ היפך צו יידישקייט, צום יידישן צניעות, צום יידישן געפיל. זיי קען מען בשום אופן נישט אַריינגעבן אין די הענט פון אונדזערע יונגע מענטשן, אַנדערע קליינע טיילן ווידער וואָלטן נישט גישאַט, מע קען זיך אינטערעסירן מיט זיי, ווי מיט טויזנט אַנדערע זאַכן אין דער וועלט — אָבער פאַרשטייט זיך, קודם כל גיט זיך אַ גיזונטער מענטש אָפּ מיט זיין משפחה, מיט זיין פאָלק. ווער עס קען שוין באמת אַלדינגס ביי זיך אין דער היים, און האָט נאָך אַ סך צייט, קען זיך אַמאָל פאַרנעמען מיט אַ פרעמדער זאַך אויך אָבער היינט קען מען זען, אַז יידישע מענטשן קענען זייער גוט די פרעמדע און וועגן דעם יידישן ווייסן זיי ווייניק—מיר זאָגן דאָס וועגן טיילן פון אונדזער אייגינער, אָרטאָדאָקסישער מחנה, דערביי איז שוין יאָ דאָ אַ פּראָבלעם: ווי אַזוי רייסט מען זיי אַרויס פון דער דאָזיקער אַסימילאַציע?

— דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט פרעגן: וואָס טוט מען?

— מע טאָר נישט מיד ווערן. מען מוז זען, ס-זאָלן גישאַפן ווערן גוטע ביכער, דערציען צו גוטע ביכער, אויך שעפן פון אונדזער אַלטער לשון-קודשער און יידישער ליטעראַטור, אַריינברענגען פון דער פרעמד אַזוינס, וואָס איז געזיפּט מיט טויזנט זיפּן פון יידישקייט און גוטקייט.

— ווי אַזוי דאַרף מען אַריינברענגען יידישקייט אין לשון?

— מע דאַרף פּשוט אַרויסנעמען דאָס, וואָס די השכלה, פון אָנהייב ביז צום היינטיקן טאָג, האָט אַריינגיבראַכט. דאָס הייסט ניט אומקערן זיך צו דעם לשון, וואָס מ-האָט גירעט אָדער גישריבן מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דאָס וואָלט אוממעגלעך גיוועזן, אפילו אויב מע זאָל עס וועלן טון. אָבער מע קען בויען אויף די אַלטע יסודות. דאָרטן וועט מען ניט גיפינען קיין מענטשן „וועלכע“ אויפן אָרט פון „מענטשן, וואָס“. ניט קיין „געפעהרליכע סכנה“ פאַר דער „יוגענד“, נישט קיין „האַנדווערקער“, וואָס האָבן „עטוואָס“ „ווירקונג“, אַז זיי רעדן „איבער אַ זאַך, אא"וו. אַז מע וועט פאַרשטיין, אַז מע טאָר נישט פּשוט מפקיר זיין דאָס לשון, פונקט אַזוי, ווי מע לאָזט נישט הפקר דאָס יידישקייט אַליין, וועט דאָס זיין אַ סימן, אַז מע הייבט שוין אויך אָן, בעסער צו אַרביטן פאַרן יידישקייט אַליין.

אבי שמשון רפאל





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דעת, רחמים, תפארת

ארויסגינומען „פון די רייד פון ישראל זקן-נער"

פון **דר. נתן בירנבוים**

(ספעציעל פאַרן היינטיקן ימים-טובים נומער)

## דעת

**אויך** דער, וואס זאגט אז ער גלייבט נישט אין ג—ט, פילט אים. זיין לייקינען נעמט זיך נאָר פון טפשות אָדער פון פאַר-שבלטקייט אָדער פון עקשנות.

ווען איינער גלייבט אין ג—ט, אָבער מיט אַמין קאַלט רואיקייט און ער בלייבט ווייט פון אים, האָט ער אויך דעת—בלי ספק—אָבער ס-איז די אונטערשטע מדרגה פון דעת אויף די העכערע מדרגות ווערט דער מענש אַדורכגילויכטן, אַדורכגיוואַרעמט און אַדורכגי-טרייסלט פון דער שכינה, פילט ער ג—טס נאָענטקייט אומעטום אין די וויטעניש פונים אייביקייט, האָט ער אַ וועג צו אים, ווערט ער אויפגיציטערט אין הכנעה פאַר אים און אין ליבשאַפט צו אים.

## רחמים

**דער** שטראָם פון ליבשאַפט, וועלכער גייט אַרויס פונים כסא-הכבוד, פועלט נישט נאָר דירעקט, נאָר אויך אומדירעקט. בפרט דעם מענטש האָט השי"ת אַוועקגישטעלט פאַר דעם פאַר-האַלטער פון זיין ליבשאַפט. אַרויסווייזן זאָל ער, דער מענטש דעם לעצטן ציל פון בריאת העולם. דאָס ליבשאַפט לגבי די ברואים, בפרט לגבי דעם מענטש.

ווער ס-גיט נישט אַכטונג, נישט צו שאַדן דעם אַנדערן מענטש, אָבער אויך ווער ס-העלפט אים אפילו, נאָר זיין נשמה איז בשעת מעשה נישט ביי דער הילף אָדער ער איז אַ פוגע בכבוד פון דעם, וואָס ער שטיצט אים — אַזאַ מענטש ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס רחמים. אויב מען זאָגט פון איינעם, אַז ער גיט אַסך צדקה און ס-איז אַפילו אמת, איז דערפון נאָך נישט גידרינגען, אַז ער האָט אין זיך רחמים.

אויף אַ העכערער מדרגה פון רחמים גיפינט זיך דער, וואָס איז אָנגיפילט מיט וואַרעמקייט און גוטסקייט אַקייגן דעם אַנדערן מענטש, אַפילו אַ קייגן דעם, וועלכן ער האָט נישט ליב.

## תפארת

**באַשאַפן** דעם חומר און גיוועלטיקן איבער אים, באַשאַפט און גיוועלטיקט די גבורת הבורא דירעקט. באַשאַפן און גיוועלטיקן דורך אַן-אַנדערן איז סותר דעם מהות פון באַשאַפן און גיוועלטיקן. אָבער פאָרימען דעם חומר פאָרימט דער בורא אויך אומדירעקט—דורך דעם מענטש. ער האָט אים גיגעבן דעם חוש פאַר תפארת, דעם כח צו דערוויסן זיך פון תפארת, צו פילגעווען זי און צו שטאַרקן זי.

---



דר. בן-ציון פעסלער

## שַחֲרִית-שטימונג

**צומאָרגענס** וואַכט אויף מיין נשמה און שפיגילט
מיך טיף אין רער ריינער שעה...
און העל ווערט דאָס אויג און דאָס האַרץ פילט קלאָר:
אָ וועלט, — דיין האַר איז דאָ!

**ווי** אַ ווייסער זעגיל אויף בלאָען ים
אויפפלאַטערט מיין טלית-גיוואַנד — —
און אותיות פוז סידור, זיי לייכטן מיר אויף
ווי גרוסן פון אַ זוניקן לאַנד!

אלול תר"ץ

---

אליעזר שינדלער

## תִשְׁרִי

**דאַנק** דעם אייבערשטן, מיין קינד, פאַר די וועלדער,
פאַר דעם מלכות פון פאַרבן,
דאַנק אים וואָס ער בענטשט מיט רו די פעלדער
ווייל רוען וועלן זיי און ניט שטאַרבן...

**זיי** וועלן כחות זאַמלען איצטער, פאַר אַ נייער תְחִיָה,
פאַר אַ פרישער שפע פון פירות און ברויט...
לאָמיר בענטשן די צייט פון זייער רו!
זיי לערנען אונדז, אַז: רו איז נישט קיין טויט...

אלול תר"ץ

---

ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

## מיין קינד

**אָ**, מענטשן, איר רעט און דערציילט
שלעכטס אויף מיין טייער, גיליבט קינד
און ווער נאָך ווי איך, פילט
און באַגרייפט, דיינע פעלער און זינד.

**דאָך** האָב איך אים ליב, אָן אויפהער
זיינע ליידען, זיין צער, פיל איך מיט
אמת! שלעכט און פאַרדאָרבען איז ער
אָבער דאָך פון מיין פלייש און בלוט...

* * *

**זיין** גוטס! קאָנט איר אַזוי גיך
איר מענטשן פרעמדע—נישט פאַרשטיין
פאַרשטיין זיין גוטס, קאָן נאָר איך
איך—זיין גיטרייע מוטער—אַליין...

איבערזעצט: א. שנור-בייטש



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 10 מתוך 28

# רבי אמנון

(דער פּראָפעסאָר פון „ונתנה תוקף”)

א היסטאָרישע פּאָעמע

באָבע גוטע, באָבע ליבע,
דערציייל א מעשה מיר אַצינד.
ס-האָט דער ייידע גיבלאָזן שופר
און אין דרויסן בלאָזט דער ווינד.

דערצייל אַ מעשה גוטע באָבע
ליבע באָבע טייערע מיין.
פאַרן שלאָפען וויל איך הערן
דיינע מעשה-ס וואונדער שיין.

— הער מיין קינד, ווי עס בלאָזט איצט
אויפ׳ן דאַך וויינט דער ווינד.
אלול-טרערן גיסט דער הימל
און צוויינט זיך ווי אַ קינד.

וויינט ער, בלאָזט ער, פייפט ער גריילצן
אין די לעכער פונים דאַך
ארכיון אסופות
דאָס דערציילט ער די גישיכטע
פון גזירת ת״ט ות״ח.

דאָס דערציילט ער פון יסורים,
פון צוקוועטשטע אין דער קלעם,
פון דער ערד דערדריקטע אין די צוואַנגן
אומגיקומען על קידוש השם.

ס-האָט דער ווינד שוין פיל גיזעהן
פיל גיזעהן און גיהערט.
אויף דעם שלעכטס וואָס אויף דער ערד.
בייזערט זיך, כּעסט זיך, רייסט זיך
בלאָזט זיך

ס-האָט דער ווינד שוין פיל דערציילט
מיר
מיט זיין רייסענד, בייסענד מויל.
נאָר די מעשה פון רבי אמנון
נעמט אַדורך דעם טיפסטן גרויל.

הויך גיאַכפּערט און באַליבט איז
רבי אמנון ביי אַלע גיוועזן.
פאַר זיין תורה, פאַר זיין חכמה,
איז ער גערן גיוואָרן גיזעהן.

אינים פאַלאַץ פונים דוכּס
פון מאגענצא דעם גרויסן האַר.
צווישן שררות, צווישן פריצים
גיוואָלט אים מאַכן פאַר אַ שר.

בישט גילאָקט האָט דעם אַלטן
גרויסן רבי גלאַנץ און פראַכט.
ס-איז דער גלאַנץ אַ פאַלשער שווינדל,
און נישט אייביק איז זי מאַכט.

אייביק איז נאָר ג-ט, כּביכול,
איז גיוועזן און וועט אויך זיין.
ווען פון וועלט אַ גרויסע חורבה,
ס-וועט נישט בלייבן אַ שטיין אויף שטיין.

ס-איז, ער דוכּס גיוועזן אַנ-עקשן,
איינגעשפּאַרט איז זיין באַגער
יעדן טאָג צו רבי אמנון
אַזוי גיטעניט — וואָס איז דער מער

מיט דיר, טייערער פריינד און רבי,
וואָס דו פאָלגסט נישט מיין פאַרלאַנג
זיבעצן שטעט וועל איך אָפּגעבן
דיר מיין רבי, אַ גישאַנק

אויב דו וועסט מיין ווילן פאָלגן,
און מיין עצה אי׳צטער הער.
גיי אַוועק פון דיינע יידן,
ס-איז זייער תורה אזוי שווער.

גיי אַוועק פון דיינע יידן,
און פאַרגעס, וואָס דו ביסט,
אַ גרויסער האַר וועסטו ווערן,
ווען דו וועסט נאָר זיין אַ קריסט

און רבי אמנון מיד און טרויריג
האָט גיענטפערט מיט אַנגסט און צער
גיב מיר צייט דריי טעג צו טראַכטן;
אויפן פערטען קום איך, האַר!

און וועל איך קומען איז אַ סימן:
איך בין גרייט צו דיין פאַרלאַנג,
און דער קירכען-גלאָק וועט קלינגען
צו דער שמד. אַ גרוילענד קלאַנג.

אזוי האָט גיזאָגט רבי אמנון
און אין האַרצן זיך גיטראַכט.
זאָל ער מיינען, אַז כ-בין מסכים
און ס-איז ביי מיר שוין אָפּגימאַכט.

אויסצובייטן די אמונה
פאַר דעם פאַלשן שיין פון מאַכט;
העלן קלאָרן טאָג צו בייטן
אויף דער שוואַרצער שאָטן-נאַכט.

און דער דוכּס אַ דערפרייטער,
אַ צושטראַלטער פון די רייד
האָט גיזאָגט; גוט, איך וואַרט דיר
נאָך דריי טעג פול מ׳ט פרייד

ס-איז די זון נאָכנישט פאַרגאַנגן
אויף דער פורפור-מערב זייט
פונים טאָג דעם ערשטן לאַנגן,
פון די דריי אַ דריטל צייט.

און רבי אמנון שוין אין פּאַלאַץ
פונים דוכּוס גרויסן שר.
טיף פאַרוואונדערט און פאַרחידושט
קוקט אויף אים דער גרויסער האַר.

— האָסטו רבי שוין דעם ענטפער
אַזוי גיך מיר צוגיגרייט,
זער שנעל גימאַכט דעם ישוב
דאָס דערקוויקט מיך און דערפרייט

גרויסער פריץ, האַר, גיביטער!
ס-איז מיין זינד אַ שרעק און גרויל.
כ׳האָב גינאַרט זיך און גיטראָגן,
שקר איז גיוועזן מיין מויל.

כ-האָב קיין רגע פון מיין לעבן
נישט גיצווייפלט אין מיין ג-ט,
אין אונדזער תורה, אונדזער שטרעבן,
אין אונזער הייליגן גיבאָט.

כ-האָב גינאַרט זיך און גיטראָגן
מיט די טעג די שרעקליך דריי.
ס-איז אַנ-אויסרייד נאָר גיוועזן —
זאָלסט מיר לאָזען צורוה און פריי.

כ-ווייס מיין זינד איז גרויס און שווער,
ניט אָפּצושאַצן איז די שטראָף,
כ׳וועל דעם אורטייל אַליין מיר געבן.
און דעם פּסק, געביטער, הער!

כ-האָב גילעסטערט ג—ט דעם גרויסן
מיט מיין זינדיק נאַריש צונג
זאָל זי ווערן אויסגישניטן
מיטן מעסערס שאַרפער קלינג.

און די פיס, וואָס גילאָפן,
אין דיין פאַלאַץ יעדן טאָג
מיט אַ שאַרפער האַק פון תליון,
האַק זיי מיר פון גוף אַראָפּ.

מיינע הענט, די אַלטע דאַרע,
וואָס גישטרעקט גיוועזן צו דיר,
רייס זיי אויס פון די אָרימס
כ-בעט קיין רחמנות מער אויף מיר...

א פאַרטראַכטער זיצט דער דוכּס,
קוועטשט דער שטערן פאַרמעט-געל,
פייער זיינע אויגן
ווי פון שדים אין דער העל

דיין פאַרלאַנג איז הייליג טייער
— זאָגט ער טייוולעריש מיט אַ שפּאָט
ס-איז דיין משפט אַ גירעכטער,
ס-איז פאַר מיר אַ גיבאָט.

גלחים זינגען
גלאָקן קלינגען
קלאַנג און קלאַנג, קלאַנג און קלאַנג
אויסגישניטן ביי רבי אמנון
גיוואָרין די צונג
מיט פייער צוואַנג

און ס-שעפּטשען שטיל, ס-שעפּטשען
תורה
די אַלטע ליפּן אַ גיזאַנג:
„ונתנה תוקף קדושת היום,
כי הוא נורא ואיום”



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# אפטימיזם און פעסימיזם

(שמחת-תורה גידאנקן)

פון דר. ל. ביעמצעוויטש

I

צוויי וועלט-השקפות זענען פאראן אין דער וועלט-ליטעראטור, אין דער פילאזאפיע, און אין דער סאציאלאגיע.

די פעסימיסטן ברענגען פארשידענע ראיות און באווייזן, אז די גאנצע וועלט איז א עמק-הבכא, א תהום פון ליידן און פיין. אז דאס מענטשליכע לעבן איז א לאנגע קייט פון צרות. און דער טויט קומט אלס אויסלייזער, אלס גואל פון דעם גרויסן אומגליק, וואס הייסט וועלט. די „פעסימיסטישע" וועלט-אנשויאונג האט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה ביי בודהא-ן מיט זיין אידעאל „נירוואנא". בודהא-ס נירוואנא איז דאס העכסטע פון דער וועלט, וואס ווערט פארוואנדלט אין א אפס-המוחלט, דארט וואו אלץ הערט אויף צו עקזיסטירן, נירוואנא איז די אייביקע רוהיקייט, ווען דאס גאנצע לעבן הערט אויף צו שאפן און זיך צו ענטוויקלען

געשטיצט אויף בודהא-ס טעאריע, האט דער דייטשער פילאזאף שאפענהויער געשאפן זיין וויסנשאפטליכן פעסימיזם, וואס איז א לאנגע צייט געווען זייער פאפולער ביי דער יוגנט.

אין גיגנזאץ צו די פעסימיסטן, שטייען די אפטימיסטן. דורך ליכטיקע ברילן, קוקן זיי אויף דער וועלט, וועלכע זיי באטראכטן אלס גן עדן ההחתון, די וועלט שטעלן זיי זיך פאר, אלס א גרויסער גארטן, אין וועלכן עס וואקסן בלויז בלומען, און דער מענטש עקזיסטירט, כדי צו רייסן די רויזן פון דעם שיינעם גארטן, צו ערפילן זיינע תאוות, און צו זעטיקן זיינע אינסטינקטן.

די צוויי ענטקעגנגיזעצטע טעאריעס, וועלכע לערנען דעם מענטשן, ווי איינצוארדנען זיך אין לעבן, זענען א רעזולטאט פון צוויי פארשידענע וועלט-אנשויאונען און פילאזאפישע סיסטעמען. די פעסימיסטן זען אין דער וועלט נישט קיין שום צוועק און תכלית. אדרבא די וועלט דערנענטערט זיך, נאך זייער שיטה, צום אונטערגאנג, צום חורבן; זי שטארבט אפ און מוז אונטערגיין אמאל, אכת, אז די וועלט איז געווען שיין און גוט, אבער זי ווערט ערגער און ערגער ביז זי וועט חרוב ווערן.

די אפטימיסטן אבער, גלייבן אין ענטוויקלונג און עוואלוציע פון דער וועלט. זי פראגרעסירט שטענדיק ווערט שענער און בעסער, און ממילא מוז אויך דער מענטש פון דער שיינער וועלט גיניסן און אויסנוצן אלע מעגלעכקייטן כדי בעסער צו לעבן.

טעאריע און פראקטיק – דאס זענען אייגנטלעך צוויי פארשידענע זאכן, דער גרויסער גילערנטער קען זיך אין זיין צימער, זיצנדיק ביים שיינעם שרייב-טיש, אויסקאמבינירן א שיין פראגראם פאר-ן לעבן, און באווייזן מיט אותות ומופתים, אז דאס לעבן איז א גן-עדן, און דער מענטש עקזיסטירט, כדי זיך צו לאזן וואויל גיין. אבער דאס רעאלע, פרוקענע לעבן, האלט ווייניק פון פראגראמען. פארשידענע באדינגונגען און פארהעלטעניסן האבן די גרעסטע השפעה אויף דעם לעבן פון יחיד.

אויב איינער איז קראנק און קוועלט, ארים און עלנד, קאן ער בשום אופן נישט זיין קיין אפטימיסט און דווקא וועלן לעבן לויט דעם פראגראם פון דער אפטימיסטישער שיטה. אויב איינער איז ווידער יונג, געזונט און רייך, וועט ער נישט ווערן קיין אנהענגער פון דער פעסימיסטישער שיטה. עס זענען דא פארשידענע באווייזן, אז די פילאזאפישע חקירות איבער דעם צוועק פון מענטש, ווי ער זאל זיך איינארדנען דאס לעבן, זענען נישט געווען א רעזולטאט פון דער אדער יענער וועלט-אנשויאונג, איבער דעם צוועק און תכלית פון דער וועלט, נאר להיפוך: די פארשידענע פארהעלטענישן און באדינגונגען, אין וועלכער עס האט זיך געפינען דער, אדער יענער גילערנטער, האט ארויסגערופן ביי אים א אפטימיסטישע אדער פעסימיסטישע שטימונג, וועלכע איז שפעטער געווארן ביי אים א שיטה, א סיסטעם און א לעבנס-אנשויאונג.

II

אין געגנזאץ צו די צוויי שיטות שטייט דאס יהדות. דער יידישער דת און די יידישע אמונה, האבן אין דער באציאונג אירע אייגנארטיקע אצלט אנשויאונגען, וועלכע זענען נישט א רעזולטאט פון דעם אדער יענעם יחיד, וואס האט געהאט די געלעגנהייט צו לעבן אין בעסערע אדער ערגערע באדינגונגען. די יידישע השקפה אויף דער וועלט שטיצט זיך אויף דער תורה וועלכע בלייבט אייביק און הייליק ביים יידישן פאלק.

זי איז נישט אפהענגיק פון געשעענישן און באדינגונגען פון דעם אדער יענעם יחיד, ווייל זי איז א נצחי, א אייביקייט, א לעבעדיקער קוואל פון תורת חיים. אפטימיסטיש איז דער ייד – ווייל די תורה גיט אים מוט: מיט גן עדן הייבט זי זיך אן, ווען דער חסד ד' איז אויסגיגאסן אויף דער גאנצער יצירה און די גאנצע טבע זינגט שירה צום באשעפער. און א גן-עדן פון דער גאנצער מענטשהייט, איז דער ציל פון דער וועלט:

והי' ד' אחד ושמו אחד.

עס וועט נישט זיין קיין פירוד הדעות, קיין פארשידענע פראגראמען און תורות; איין אידעאל וועט די גאנצע וועלט פאראייניקן: דער רעיון פון אחדות הבורא וועט די מענטשהייט פירן צום אייביקן גליק.

א גן-עדן איז געווען דער וועלט-אנפאנג און צו א גאלדענע צייט שטרעבט די וועלט... די וועלט אנטוויקעלט זיך נישט פון חורבות צום גן-עדן נאר פון גן-עדן צום גן-עדן און דער מענטש? ער איז דער מבחר הבריאה. צוליב אים, איז די גאנצע וועלט געשאפן: בשביל צדיק אחד נברא העולם

אט די שיינע וועלט, דאס איז פאר אים, פאר דעם ייד, וואס לעבט לויטן רוח התורה, ווייל אויך די וועלט עקזיסטירט, נאר צוליב די תורה: אם לא בריתי...

דעם יידס אפטימיסטישע השקפה איז אלזא נישט קיין רעזולטאט פון א פאראיבערגייענדער שטימונג, פון א וועלט-אנשויאונג, וואס איז בלויז א סוביעקטיווע מיינונג. דער ייד זעט אין זיין לעבן א שיינעם, הויכן אידעאל. און דער אידעאל גיט אים מוט און קראפט איבערצוטראגן מיט שמחה די גרעסטע קרבנות, ווייל מיט זיין לעבן פארווירקלעכט ער א הייליקן און גרויסן צוועק, וואס פירט צום וועלט-גליק.

---

ווען שטורמישע ווינטן בלאזן, ווען שווערע כמארעס הענגען אויף יידישע קעפ, קלאמערט זיך דער ייד אין זיין העכסטן אידעאל, אין זיין תורת חיים; זי איז דער קוואל, פון וועלכער ער שעפט חיות פאר זיין נשמה. און אז עס קומט דער יום טוב, ווען דער ייד איז מסיים די תורה, דעמאלט פילט דער ייד, אז דאס איז דער יום טוב פון זיין לעבן, דער יום טוב פון זיין עקזיסטענץ, איז עס דעמאלט דער יום טוב פון שמחה, דער אמת-ער זמן שמחתנו איז דער יום טוב שמחת-תורה!



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

זינט דעם ערשטן יולי 1927 ווען ער האָט גיגרינדעט די שול „מקור חיים“, אין אָפּאָרטאָ איז ער שוין עטליכע מאָל געווען אין די פילע פאַרוואָרפענע באַרג-דערפער פון צפון פּאָרטוגאַל, אין בראַגאַנזאַ, מאַקעדאַ, מאַנקאַרוואַ און אַנדערע. דעם 22-טן יוני 1928 האָט ער די זכיה געהאַט אין בראַגאַנזאַ ווו ס'לעבן 800 מאַראַנען מחנך צו זיין אַ שול, ער האָט איר אַ נאָמען געגעבן „שערי פדיון“ „די טויערן פון אויסלייזונג“ ביים חנוכת הבית. פון דער דאָזיקער שול איז גישען אַ גרויסער נס און דאָס האָט גימאַכט אַ גרויסן רושם אויף דעם אַרבּיטער קרייז פון די „באַהאַלטענע ייִדן“ „איך האָב אַהינגישיקט קיין בראַגאַנזאַ די חפצים פאַר דער נייער שול“...

הער באַרגעס, אַ פּאָסט-באַאַמטער איז אין דער דאָרטיקער קהלה דער שמש. איינער פון זיינע חברים בא דער פּאָסט, אַ פרומער מאַראַן מיטן נאָמען מנואל אגוסטאָ דע סאַ פּאַריירא 51 יאָר אַלט. איז שוין זינט עלף יאָר טויב, דאָס אומגליק איז אים געשען בעת אַ כסופג-ער קראַנקהייט. (באַרימטע דאָקטוירים, ווי ד״ר מאַרגאַהאַ און ד״ר טייקסיירא האָבן אים אָפּט אונטערזוכט און באַשטעטיקט זיין קראַנקהייט). דעם 14-טן יוני האָט ער באַרגעסן גיהאָלפן אויפשטעלן די חפצים אין דער שול, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין דאַווינען ווי דער מאַראַנישער מנהג איז. ווען באַרגעס האָט אויפגיעפנט דעם נר תמיד האָט ער גיבעטן צום אייבערשטן אַ שטילע תפילה, „אָ גרויסער באַשעפער השם! ווען די דאָזיקע אַרביט וואָס איך טו דאָ איז דיר אַ קורת רוח, דאַן גיב מיר אַ צייכן פון דיין חסד און שיק אַ רפואה דעם דאָזיקן אָרימען טויבן מאַן. אַ שטיקל צייט שפּעטער איז פּאַריירא דער טויבער אַריינגיקומען מיט גרויס אויפרעגונג אין שטוב פון אלבינא באַרגעס און אויסגירופן: אלבינא! דער גרויסער ג-ט פון ישראל האָט מיך דערהערט, איך הער ווידער! און דער אָרימער מאַן האָט גילאַכט און גיוויינט אין איין צייט“.

באַסטאָ האָט צו קעמפן מיט אַ סך שוועריקייטן. די וועגן צו די דערפער פון די מאַראַנען זענען שלעכטע, שווער מיט אַ פיר זיי צו דערגרייכן. ער האָט נישט קיין מיטהעלפער, ער האָט ווייניק געלט (אַ ביסל באַקומט ער פון קאָמיטעט לטובת די מאַראַנען אין לאָנדאָן) און דער ערגסטער שונא איז דער פחד און די אימה פון די מאַראַנען, זיי האָבן נאָך אַלץ מורא עפנטלעך צוריקצוקערן צום יידישן דת. דער דאָזיקער פחד פאַר דער אינקוויזיציע — די ירושה פון יאַרהונדערטער איז נאָך אַלץ דער גרעסטער שונא. נאָר באַסטאַ וועט די אַלע מניעות גובר זיין. ער האָט אַ סך אמונה צו זיך און זיין ווערק. — — —

הונדערטער יאָרן האָט מען די מאַראַנען גיפּייניקט און גיבראָטן, די אינקוויזיציע איז אונטערגעגאַנגען און די שייטערהויפנס זענען פאַרלאָשן געוואָרן און די מאַראַנען, יואַרן אויף פון זייער דרימל. זעען ווי אַ היסטאָרישע פאַרקערפערונג פונם סנה וואָס משה רבינו האָט גיזען ביים חורב, הסנה בוער באש ואיננו אכל דער סנה ברענט אין פייער און ווערט נישט פאַרברענט...

ארכיון אסופות
הארכיון היהודי

# אַ פּאָרצייטישע מעשה נוראָ

## זכרונות פון פרוי גליקל האַמעלן

### (גישריבן גיוואָרן מיט 300 יאָר צוריק אין עברי-טייטש)

**ס'איז** אַמאָל געווען אַ חסיד, וואָס האָט געהאַט צוויי קינדער און אַ פרומע פרוי. ער האָט געהאַט אַבּיסל געלט, וואָס ער האָט אויסגיגעבן אויף חיונה, ער איז אָבער נישט געווען קיין סוחר און זיך נישט פאַרשטאַנען אויף געשעפט. נאָר שטענדיק איז ער געזעסן און גילערינט תורה. דער חסיד האָט שטענדיק גיזוכט עפּעס אַ פרנסה, כדי ער זאָל קענען מפרנס זיין די פרוי און קינדער, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אָנקומען צו קיין מענטש. דאָס מזל האָט אים אָבער נישט געשיינט, ער האָט זיך איינגישולדיקט אין חובות, און ווישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן, און עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל פאַר אים גוט-זאָגן, די בעלי חובות האָבן זיך מיט אים געמשפט פאַרן געריכט, און דער ריכטער האָט אים פאַרמשפּט, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן און קיינעם ווער עס זאָל פאַר אים גוט-זאָגן — איינצוזעצן אין תפיסה און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטון. די פרוי האָט זער שטאַרק געוויינט וואָרים זי האָט נישט געהאַט מיט וואָס זיך מפרנס צו זיין און אירע צוויי קינדער. און דערצו האָט זי נאָך אויך באַדאַרפט זאָרגן פאַר איר אומגליקלעכן מאַן, וואָס זיצט אין תפיסה ווי זי שטייט אַזוי און וויינט און קלאָגט, איז צו איר צוגיקומען אַן אַלטער מאַן און האָט זי געפרעגט פאַר וואָס זי וויינט? און ווען זי האָט גיזען, אַז דער אַלטער איז אַ בעל רחמנות, האָט זי אים דערציילט איר גאַנץ אומגליק. האָט דער אַלטער צו איר געזאָגט: הער אויף צו וויינען, ג-ט וועט נאָך מיט דיר גוטס טון אין זכות פון דער תורה, וואָס דיין מאַן האָט גילערינט און ער וועט דיך נישט פאַרגעסן. וואָרים, דער אייבערשטער פאַרלאָזט נישט דעם תלמיד חכם, און אויב ער האָט אים נישט גיהאָלפן אין דער יוגנט, וועט ער אים העלפן אויף דער עלטער. איך ווייס אויך, אַז דו און דיין מאַן און דיינע קינדער וועלן נאָך האָבן אויסצושטיין זער פיל פיין, אָבער דער אייבערשטער וועט דאָס אַלץ מאַכן צום גוטן, אויב איר וועט נאָר מקבל זיין די יסורים מיט ליבשאַפט. דער אַלטער האָט זי ווייטער גיטרייסט און איר גיגעבן אַן עצה: ווער אַ וועשין און דו וועסט זיך דערפון מפרנס זיין און דיין מאַן און דיינע קינדער, אויב דו וועסט זיך נאָר נישט שעמען צו זוכן אַרבּיט.

די פרוי האָט זיך מיט די דאָזיקע ווערטער, גיטרייסט און האָט גידאַנקט דעם אַלטן. ער איז אַוועקגיגאַנגען און זיך שוין מער נישט באַוויזן. און זי איז געגאַנגען אַהיים, צוגיגרייט אַביסל עסן פאַרן מאַן אויף נאַכט-עסן, און זי האָט אים גיטרייסט, אַז ער זאָל זיך נישט מיאש זיין און ער זאָל וויסן און לערנען תורה, און זי וועט אַרבּיטן באַטאָג און באַנאַכט, אַז זי זאָל קענען מפרנס זיין די גאַנצע פאַמיליע. דער חסיד האָט דאַן גיהויבן הויך צו וויינען מיט אַ ביטער געוויין און זיין ווייב האָט מיט אים מיטגיוויינט, אַז ג-ט אין הימל האָט זיך שוין באַדאַרפט אויף זיי מרחם זיין. די קלוגע און פרומע פרוי איז די ערשטע שטיל גיוואָרן און גיזאָגט: טייערער מאַן! דאָס וויינען און די קלאָג וועט נישט געבן קיין ברויט פאַר די קינדער. איך וועל מיר גיין און אַרומקוקן זיך, וואָס דער אייבערשטער האָט פאַר מיר אָנגעגרייט עפּעס צו פאַרדינען, און דער חסיד האָט צו איר גיזאָגט: מיין טייערע און ג-ט זאָל אין אונדזער הילף זיין.

און זי איז געגאַנגען אַהיים און זיך געלייגט מיט די קינדער.

## י. ב. מאנדלבוים
### ז א מ א ש ט ש

# די העלדישע פרוי

**אדיל — די הייליקע מארטירערן, וועלכע איז אומגעקומען מיט א שרעקליכן טויט אויף קידוש־השם אין לעמבעריק.**

כ״ז אלול ה׳תע״ח (1718)

אלס איינס פון די הייליקסטע קברים אויפן אלטן בית־החיים אין לעמבעריק רעכנט זיך דאס קבר פון דער פרוי אדיל (איידיל) קיקיניש. וועלכע איז אומגעקומען מיט א שוידערליכן טויט אויף קידוש־השם אין לעמבעריג כ״ז אלול תע״ח. פערטיידיקנדיג דערביי ג—ט׳ס נאמען מיט גרויס מוט.

די מעשה דערפון איז אזוי: אין יענער צייט האט געוואוינט א ייד ר׳ משה קיקיניש, וועלכער איז געווען א זער גילערינטער און ג—טספארכטיקער. ר׳ משה איז אויך געווען זער רייך. האט ר׳ משה גע־האט א טאכטער אדיל (איידיל), וועלכע איז געווען אומעטום באוואוסט מיט איר חכמה און גילערינטקייט זי איז געווען באַשאנקן מיט די בעסטע מעלות און מדות טובות. איר פאטער האט זי חתונה גימאכט פאר א עילוישן בחור פון דראהאביטש (רייס).

וועמענס עלטערן זענען געווען זער רייך, האלטנדיק צו יענער צייט, אין פאכט אלע זאלץ־גרובענס פון רייסן. נאך דער חתונה האט איר רייכער שווער, איר איבערגיגעבן די פירונג פון זיינע גרויסע געשעפטן, אדיל האט באלד באפרייט איר מאן פון ארבעטן אויף פרנסה — ווי עס איז געווען דער מנהג, אין יענער צייט, ווען דער כבוד־התורה איז געווען שטארק חשוב — אין גערן גינומען אויף זיך דעם עול־הפרנסה, אבי איר מאן זאל קענען במנוחה עוסק זיין אין תורה־לערנען.

צוליב אירע גרויסע מעלות איז זי געווארן באוואוסט אין די קרייזן פון די פריצים און גלחים. און אט האבן די גלחים פון דראהאביטש געווארפן אויף איר אן אויג, נישט קענענדיק א פנים, פארטראגן, וואס ביי יידן געפינט זיך אזא שיינע בלום. וויסנדיק אבער, אז אדלין, די שטאלצע יידישע טאכטער, וועלכע אין טריי איר פאלק און דת, וועט נישט זיין מעגליך איבערצורעדן, זי זאל פארלאזן דאס יידנטום און זיך שמדן, האבן זיי באשלאסן צו פראוואצירן אויף איר א בלבול, רעכנדיק אזוי ארום זי צו באקומען.

זיי האבן איבערגיקויפט איר קריסטליכע דינסט זי זאל, אין דער נאכט פון פסח, אונטערווארפן ביי איר בעל־בית׳טע אין הויז א טויט קריסטליך קינד. און ווען דאס וועט אנטדעקט ווערן זאל זי זאגן, אז איר „גאספאדינע״ האט דאס קינד געשאכטן און דאס בלוט פון קינד פינאנדערגיטיילט צווישן די יידן אויף מצות.

די דינסט האט גיטון אזוי ווי מ׳האט זי גיהייסן. אונטערווארפנדיק פסח ביינאכט ביי אדלין אין הויז א טויט קריסטליך קינד, און ווען מ׳האט דאס קינד געפינען האט זי גיטענה׳ט, אזוי ווי די גלחים האבן איר גילערינט.

האט מען באלד ארעסטירט אדלין און אויך אלע דראהאביטשער חשובסטע יידישע בעלי־בתים.

*

באם אויסצארשונגס ריכטער האט זיך אדיל באלד „מודה״ געווען, אז זי האט גיהרגעט דאס קינד, דערביי האט זי אבער פארזיכערט, אז קיינער פון די איבריקע יידן האבן נישט גינומען קיין אנטייל אין דעם. זי האט דאס גיטון מיט דער כוונה אפצוראטעווען די איבריקע ארעסטירטע יידן, וויל זי האט איינגיזען, אז דאס פרובן אפלייקענען די בלומרשטע שולד וועט גארנישט העלפן, ווארים די קריסטליכע דינסט איז ביי זיי געווען מער באגלייבט, ובפרט אז דאס קינד איז געפינען געווארן ביי איר אין הויז — טא זאלן כאטש די איבריקע יידן נישט ליידן אומזיסט.

האט מען טאקי באלד אלע ארעסטירטע יידן באפרייט, און אדלין האט מען אפגיפירט קיין לעמבעריק, ווי עס איז פארגיקומען איר משפט.

די ריכטער האבן ארויסגיטראגן אויף איר א גרויזאמען טויט־אורטייל: צוערשט זאל מען זי צובינדן ביי די האר פון קאפ צום עק פון א פערד, און דאס פערד זאל מען יאגן מיט בייטשן איבער דער שטאט, און אזוי ווי אלס פאראייראטע יידישע פרוי האט אדיל, נאטירליך נישט גיטראגן אירע אייגענע האר, איז באשלאסן געווארן, מען זאל ארומבינדן איר קאפ מיט א טוך און דאס טוך זאל מען צובינדן צום פערד...

אין אזוי זי ארומשלעפן איבער די גאסן. דערנאך ערשט זאל מען איר קערפער פארברענען.

דאס אויספירן דעם אורטייל איז באשטימט געווארן אויף פרייטאג כ״ז אלול אין יאר תע״ח.

פאר אויספירן דעם אורטייל האבן די גלחים איר נאך פארגעלייגט, אז אויב זי וועט באשטיין צו ווערן א „מאנאכן״ אין א קלויסטער וועט מען איר שענקען דאס לעבן.

מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט האט זי, די שטאלצע יידישע טאכטער, אפגעווארפן זייער פלאן, אויסשרייענדיק דערביי אייניקע מאל „שמע ישראל״...

דערנאך איז איר צוגיגאנגען דער לעמבערגער ערצבישאף, און גיפרעגט צי זי האט נישט פאר׳ן טויט א וועלכע ס׳איז בקשה. האט זי בלויז געבעטן מען זאל איר געבן עטליכע שפילקעס. ווען מ׳האט איר דאס דערלאנגט, האט זי זיך איינגיבויגן און צוגעשפילעט פעסט דעם זוים פון איר קלייד צו אירע פיס־ אריינשטעקנדיג דערביי די שפילקעס טיף אין איר לייב, כדי עס זאל נישט אויפגידעקט ווערן איר קערפער, ווען דאס פערד וועט זי ארומשלעפן איבער די גאסן...

באלד דערנאך האט מען איבער איר אויסגיפירט דעם גרויזאמען פסק, וואס האט גימאכט אויפציטערן אלע יידישע הערצער. יידישע טרערן האבן ווי א מבול גיגלייצט, באוויינענדיק די העלדישע פרוי, וועלכע האט זיך מוסר־נפש גיווען פארן כלל ישראל, און יידישע קינדער האבן זיך די האר גיריסן אויף דער צרה, וואס איז גישען דעם יידישן לעמבעריק.

מיט גיבראכענע הערצער האבן די יידן צונויפגיזאמלט דאס אש און דאס גיבראכט לקבר־ישראל און אויף דעם קבר איז ארויפגישטעלט געווארן א מצבה מיט אזא אינהאלט:

ביום ו׳ עש״ק כ״ז אלול ת״ע(ח) לפ״ק נדונה
האשה הקדושה והטהורה, הגבירה מ׳ אדיל.
בת הרא״ש והמנהיג מוהר״ר משה קיקיניש.
עם הגדול קדשה, ומסרה נפשה בעד כל ישראל.
ה׳ ינקום את דמה, ובזכות זה ת.נ.צ.ב.ה.

ארכיון אסופות


# גידענקט!

## די בנות־אגודיסטקע וואס דערפילט נישט איר חוב צום

# בית־יעקב־זשורנאל

## איז נישט גיביג טריי דער

## בנות־אידעע!




בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# דער וועג

יידיש: **א. ז. פרידמאַן**

## וועלכע מאָמענטן ס־שטערן די פאָרזיכטיקייט און ווי אַזוי מען שיצט זיך פאַר די דאָזיקע שטערונגען

**דריי** מאָמענטן זענען פאַראַן וואָס שטערן די פאָרזיכטיקייט און שטיין איר אין וועג. איינער איז די צופיל באַשעפטיקונג אין די וועלט-עניינים, דער צווייטער איז לייכטזין און ליצנות-טרייבן און דער דריטער איז שלעכטע גיזעלשאַפט.

לאָמיר זיי באַהאַנדלען איינציקווייז.

פון די צופיל באַשעפטיקונג האָבן מיר שוין אויבן גירעט. ווען דער מענטש איז באַשעפטיקט מיט זיינע ערדישע זאַכן, זענען אויך זיינע גידאַנקן גבונדן אין די קייטן פון דערדאָזיקער לאַסט און זיי קענען נישט זיין גיריכטעט אויף די גוטע מעשים. ניזמנדיק דאָס אין אַכט, האָבן אונדזערע חכמים ז"ל גיזאָגט: „גיב זיך נישט צופיל אָפּ מיט דיינע גישעפטן און באַשעפטיק דיך מיט דער תורה" 1) אמת טאַקע אַז אָן אַ באַשעפטיקונג קען דער מענטש נישט לעבן און עקזיסטירן, אָבער זי דאַרף נישט אַזאַ אומפאַנג אָננעמען אַז עס זאָל שוין נישט בלייבן מער קיין אָרט פאַר זיינע פליכטן צו ג—ט. דאַריבער מוזן מיר זיך פאַרבעהאַלטן איינעקע שעה צו לערנען תורה וועלכע איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, דאָס וויכטיקסטע מיטל זיך צו ערווערבן די פאָרזיכטיקייט ווי עס דרוקט זיך אויס אין ם מאמר פון רבי פנחס בן יאיר: די תורה פירט צו די פאָרזיכטיקייט, און אָן דער תורה קען מען דאַצו קיינמאָל נישט צוקומען. — „דער אומוויסנדער קען נישט פרום זיין" 2). ג—ט וואָס האָט דעם יצר הרע באַשאַפן, האָט אויך — לויט ווי עס זאָגן אונזערע חכמים — אַלס היילמיטל קעגן אים די תורה באַשאַפן 3). און ווען ג—ט האָט פאַר די קראַנקהייט נאָר דאָס היילמיטל באַשאַפן, פאַרשטייט ייד אַז דער מענטש קען פון דער קראַנקהייט נאָר דורך דעם מיטעל גיהיילט ווערן. ווער אָבער עס מיינט צו גיפינען זיין רעטונג אויף אַנדערע וועגן, דער איז אין טעות און ער וועט זען זיין טעות צום סוף, ווען ער וועט אין זיין זינדיקייט אָפּשטאַרבן. דען דער יצר־הרע איז באמת אַ מוראדיקע שטאַרקע קראַפט אין מענטש, און אומבאַמערקטערהייט ווערט ער וואָס אַמאָל שטאַרקער און גיווינט די הערשאַפט איבערן מענטש, מעג איינער דאַריבער אַלע מעגליכע וועגן אויספּרובן און ווען ער נעמט זיך נישט צו דער רפואה, וואָס איז גראָד געגן יענע מאַכט באַשאַפן גיוואָרן, און דאָס איז, ווי דערמאָנט, דאָס תורה לערנען. [illegible] קראַנקהייט וואָס אַמאָל פאַרשטאַרקן און ער וועט עס נישט דערפילן ביז ער שטאַרבט אָפּ אין זיין זינד און זיין נשמה איז פאַרלוירן. פונקט ווי למשל אַ קראַנקער פרעגט אָן דאָקטוירים איבער זיין קרענק, זיי שטעלן די ריכטיגע דיאַגנאָזע און פאַרשרייבן איהם אַ באַשטימטע רעצעפּט, און ער, אָן יעדע באַקאַנטשאַפט אין דער מעדיצין לייגט די רעצעפּט אַוועק און נעמט אַ רעצעפּט וואָס פאַלט אים גראָד איין, איז דאָך קלאָר אַז דער קראַנקער מוז שטאַרבן, אַזוי איז עס אויך אין אונדזער פאַל, ג—ט אַליין קען דעם דאָזיקן קראַנקהייטס-ברענגער דעם יצר הרע און זיין נאַטור דען ער האָט אים באַשאַפן און ער האָט אונדז וואָרנענדיק אָנגיוויזן אַז די רעצעפּט קעגן אים איז די תורה, ווער אַלזאָ קען די דאָזיקע רעצעפּט באַזייטיקן און נעמען אַ אַנדערע און נאָך האָפן גיזונט צו ווערן? פאַרשטייט זיך אַז נישט באַמערקטערהייט וואַקסט ביי אים דאָס טריבע חומריות פון שטופע צו שטופע ביז ער זינקט אַזוי טיף און ווערט אַזוי דערווייטערט פון אמת אז עס פאַלט אים אפילו שוין נישט איין קיין גידאַנק דעם אמת צו זוכן. נאָר ווען ער באַשעפטיקט זיך מיט דער תורה און

פון **רבי משה חיים לוצאַטי** זצ"ל

# פון די פרומע

זעט אירע וועגן, גיבאָטן און פאַרבאָטן, דאַן ווערט עליס'יך ביי אים דערוועקט דאָס שטרעבן וואָס פירט אים אויפן רעכטן וועג. דאָס מיינען די חז"ל מיט זייערע ווערטער: „הלואי וואָלטן זיי מיך פאַרלאָזט און מיין תורה גיהיטן, ווייל דאָס ליכט וואָס שטראַלט פון איר אַרויס, וואָלט זיי צוריקגעפירט צום גוטען" 4), און פונקט ווי פאַר דער תורה אַזוי דאַרף מען זיך פאַרבעהאַלטן אייניקע שעה־ן כדי זיך אָפּצוגעבן רעכנונג איבער זיינע האַנדלונגען און צו ארביטן איבער זייער אויסבעסערונג אַזוי ווי מיר האָבן שוין אויבן ארומגירעט. אויך אויסער די באַשטימטע שעה־ן איז יעדעס ביסל צייט וואָס ער קען פאַראיבריקן פון זיינע גישעפטן דאַרף דער קלוגער נישט פאַרלירן, נאָר עס באַלד פעסט האַלטן און אויסנוצן פאַרן באַשעפטיקן זיך מיטן מצב פון זיין גייסטיק לעבן און פאַר די פאַרפאָלקאָמונג אין זיין אמתן בארוף.

אַט די ערשטע באַהאַנדלטע שטערונג, די פיל באַשעפטיקונג, כאָטש זי קומט אַממייסטן אין באַטראַכט איז אָבער אַמלייכסטן איר אויסצומיידן. די צווייטע אָבער, לייכטזין און ליצנות טרייבעריי איז זער שווער אויסצומיידן, פאַר דעם וואָס האָט זיך דאַצו צוגעוואוינט. ווער עס איז אין דעם אריינגיפאַלן איז פונקט ווי איינער וואָס טרינקט זיך אין גרויסן ים, און מוראדיק שווער איז זיין רעטונג. דען דער לייכטזין נעמט צו דעם מענטשליכן פאַרשטאַנד אַזוי אַז ער איז גאָרנישט מער פעיק צו אַ פאַרנונפטיגער איבערלייגונג, ער ווערט ווי אַ שכור אָדער ווי אַ משוגענער וועמען מען קען גאָרנישט ברענגען צו אַ איבערלייגונג און מען קען אים נישט פירען, ווייל ער נעמט גאָר נישט אָן קיין פירונג. דאָס מיינט שלמה המלך עליו השלום און ער זאָגט: „וועגן לייכטזין זאָג איך: „ס'איז נאַריש און וועגן די אויסגילאַסענע פרייד—וואָס קען זי שאַפן" 5). און אונדזערע חכמים זאָגן: „דער לייכטזין און די אויסגילאַסנקייט ברענגען דעם מענטש ביז צום גישלעכטליכן פאַרברעכן" 6). יעדער, וואָס באַקענט זיך נאָר צו אַ גלויבן, באַטראַכט דאָך אַ גישלעכטליך פאַרברעכן אלס עפּיס פורכטבאַרעס, שוין דער גידאַנק וועגן די שווערקייט פון פאַרברעך און וועגן די גרויס פון דער שטראָף, האַלט אים אָפּ דערפון, און דאָך דער לייכטזין און די אויסגילאַסנקייט ברענגען אים ביסלעכווייז און אומבאַמערקט נענטער דערצו אַזוי אַז די מורא ווערט פון אים שטופענווייז אַוועקגינומען און ער קומט דערצו דאָס פאַרברעכן אליין צו באַגיין. עס איז דערמיט דער פונקט פאַרקעהרטער פאַל ווי מיט דער פאָרזיכטיקייט. אויב די פאָרזיכטיקייט באַשטייט דערין צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף אַ באַשטימטע זאַך, באַשטייט דער לייכטזין דאַריף, אוועקצונעמען יעדעס פאַרנונפטיגע דענקן און איבערלייגונג אַזוי, אַז ס'זאָל מער נישט קומען אויפן האַרץ אַ אָנרעגונג פון ג—טספאָרכטיקייט.

(סוף פון קאַפּיטל—אין קומענדיקן נומער)

1) אבות פרק ד' משנה י"ב. 2) דאָרט פרק ב' משנה ויו. 3) קדושין ל', ע"ב. 4) מדרש איכה בפתיחא. 5) קהלת ב—ב. 6) אבות פ"ג משנה י"ג.


אלע בנות־אָרגאַניזאַציעס און בתיה־
פאַרבאַנדן מוזן זיין רעגיסטרירט
אין דער צענטראַלע
אַדרעס:
Sekretarjat B, A. I. Łódź skrz. pocz. 146





בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי

# די פרוי אלס עקאנאמישער פאקטאר

## (פון דער אָפּהאַנדלונג: די ראָל פון דער פרוי אין יידנטום — זע ב"י נומ 47)

פון גימנאַזיאַל־דירעקטאר **פּראָפ. פּ. געץ** [redacted] יידיש: **דר. מ. ראזנער**

|||

**די** גישלעכטלעכע אייגנארטיקייט פון דער פרוי, וואָס ווייזט איר אָן די אויפגאַבן, וועלכע זי האט צו ערפילן פאַר איר אייגינער טובה און פאַרן וואויל פון דער מענטשהייט, באַגרעניצט — ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאנט גיווארן — איר לייסטונגס־פעיקייט הן בנוגע ד ע ר צ יי ט און הן בנוגע ד ע ם א ר ט. דערפון קומט ארויס די מסקנא, אַז די פרוי איז פון דער נאטור אויס אלס פאַקטאר״ פון דער פאלקס־ווירטשאפט, אָדער בקיצור גיזאָגט: אלס עקאָנאָמישער פאַקטאר פיזיש שוואַכער פון דעם מאַן, ווייל ז יי ן לייסטונגס־פעיקייט אונטערליגט נישט די דערמאנטע באַגרעניצונגען.

דער דאָזיקער פאַקט, וועלכן ס׳קאן קיינער נישט אָפּלייקענען — הגם ס׳קאנען מעגלעך זיין אויסנאַמען, אָבער אלס אויסנאַמען קומען זיי נישט אין חשבון — דרוקט אויף אַ ספּעציעלן סטעמפּל אויף דער לייסטונגס־פעיקייט פון דער פרוי. דער שכל הישר איז מחייב, אַז די פרוי ברויכט זיך אויסצוקלויבן אַזא אַרביטס־גיביט, אויף וועלכן זי קען לייכטער ערפילן אירע נאַטירליכע אויפגאַבן, וואו איר פיזישע שוואַכקייט איז פאַר איר נישט קיין שום שטערונג און דאגעגן קומען דארט צום בולטן אויסדרוק אירע פסיכישע אייגנשאַפטן און מעלות.

אַלס אַזאַ מין ארביטס־גיביט פאַר דער פרוי, שטעלט זיך אַרויס — איר טעטיקייט אַלס בעל־בית־טע איר פאַמיליען־באַרוף אלס פרוי און מוטער, אלס פלעגערין פון דעם מאַן און די קינדער, אַלס פאַרוואלטערין פון דער היים און ערציערין פון דעם קינפטיקן דור. דער רייכער אוצר פון אירע פסיכישע פעיקייטן און כחות, איר מער קאנצענטרירט גיפילסלעבן, דאָס ווייכקייט פון איר גימיט, די צערטלעכקייט פון איר הארץ, איר עסטעטישער חוש, איר פרוכטבאַרע פאַנטאזיע, איר קאנקרעטע דענקונגס־וויַיזע, איר מער אריסטאקראַטישע אַנשויאונגען, איר קאנסערוואַטיווער חוש פאַר ליבע פאר פאלקס־לעגענדן, מעשה־לעך און פאלקס־לידער, אט דאָס אַלץ מאכט די קינדער־שטוב פאַר איר ארביטס־גיביט, דאָס הויז — פאַר איר נאַטירלעכע היים. „די אויפגאַבע פון דער פרוי איז די ארביט אין דער היים, די אויפגאַבע פונם מאַן — די ארביט אין דרויסן״ 1). איך האב קיינמאָל אנדערש נישט אָנגערופן מיין פרוי, ווי „מיין הויז״ 2) „זיין הויז״ — דאָס מיינט מען „זיין פרוי״ 3).

דער פיזיש שטארקערער און מער באַוועגלעכער מאַן האט אַ אַנדער, אַ באַדייטנד ברייטער ארביטס־גיביט. זיין לייסטונגס־פעיקייט איז נישט באַגרעניצט בנוגע דער צייט און דעם ארט, ווי דאָס איז דער פאַל ביי דער פרוי, ער האט אויך אנדערע פעיקייטן, ווי די פרוי, און ער איז כלל נישט צוגעפּאסט צו דער שטוב־אַרביט. זיין אויפגאַבע איז צו אַרביטן אין דרויסן פאַר דעם גיברויך פון דער שטוב און דער פאַמיליע. דער מאַן, וועלכער האט די פליכט, ווען ער דערגרייכט אַ גיוויסן עלטער, צו גרינדן זיין אייגן הויז און צו זאָרגן פאַר דער פאַמיליע — מוז זיך רעכטצייטיק דערצו צוגרייטן, ער מוז זיך אויסלערנען אַ פאַך, אַ מלאכה, אדער זיך ערווערבן אין מסחר אַ גיוויסן קאַפּיטאַל, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו ערפילן זיינע פאַמיליע פליכטן. „די תורה לערנט אונדז: ווען אַ מענטש האט זיך ערווארבן אַ פאַרמעגן, זאָל ער צוערשט קויפן אַ הויז, האט ער נאך מער פאַרמעגן ערווארבן, דאן זאל ער זיך קויפן באַדן אים צו באַאַרבייטן; און נאר ערשט דאַן, ווען ער האט זיך ערווארבן נאך מער געלט, זאָל ער חתונה האָבן, ווייל אַזוי שטייט גישריבן אין דער הייליקער תורה: „ווער ס׳האט זיך אויפגישטעלט אַ הויז״... דאַן: „ווער ס׳האט זיך גיפלאַנצט אַ וויין־גאָרטן״... און ערשט צולעצט: „ווער ס׳האט חתונה גיהאַט 4). אויך שלמה המלך וואָרנט: „אַרבן דיר איין אַ גישעפט, באַארביט דיין פעלד, ערשט דאַן בוי דיין הייז (דער זין פון „הויז״ איז דאָ: „פאַמיליע״) 5) 6).

ווען די פליכט פון דעם מאַן איז צו גרינדן און צו דערהאַלטן די פאַמיליע, דאַן מוז זיין ערציאונג זיך ריכטן לויט דער דאָזיקער אויפגאַבע. דערפאַר איז עס די פליכט פון די עלטערן אויסצולערניגן זיינע זון אַ מלאכה, אַ פאַך 7). ר׳ יהודה זאָגט: ווער ס׳לאזט נישט אויסלערניגן זיין זון אַ מלאכה, ווערט באַטראַכט אַלס אַזעלכער, וואָס לערנט זיין זון צו ווערן אַ גזלן״ 8).

בעת דאָס יידנטום באַטאנט אַזוי שאַרף די פליכט פון די עלטערן אויסצולערינען זיינע זון אַמלאכה, און פונדעסטוועגן איז ער אַזוי גלייכגילטיק בנוגע דעם אויסלערינען די טעכטער אַ מלאכה. דאַן קאן דאָס נישט אַנדערש ערקלערט ווערן, ווי דאדורך, וואָס ס׳ווערט אָנגינומען פאַר אַ כלל, אַז די טעכטער דארפן פרי חתונה צו האָבן און דערמיט ווערן זיי באַפרייט פון דעם פרנסה־עול. דאגעגן אבער נעמען זיי אויף זיך גלייכצייטיג באַדייטנד וויכטיקערע אויפגאַבן און פליכטן, וועגן וועלכע עס וועט נאך ווייטער זיין די רייד. די פליכט צו פאַרזארגן די פאַמיליע מיט אַלעמען נויטיקן, ליגט אויפן מאַן 9) און ער נעמט זי אויף זיך פרייוויליק בעתן אָפּשליסן דעם חתונה־אַקט, אריינשרייבנדיק זיין התחייבות אין דער כתובה, ער דארף אויך גאָרנישט רעכינען אויף די פאַרדינסטן פון דער פרוי, וועלכע האבן נישט די ברכה 10). צו וואָס דען ברויכן די עלטערן אַויסצולערנען זייערע טעכטער אַ פאַך? „די פרויען ערווערבן זיך דעם גרעסטן פאַרדינסט דערמיט, וואָס זיי פלעגן זייער מענער און דערציען זייערע קינדער 11). „דעם מאַן אלס ליבנדע לעבנס באַגלייטערן איז די פרוי גיגעבן — ווען זי גיהארכט דער נאַטור, דאַן דינט זי אַם שענסטן דעם הימל״ (שילער).

דערביי טאָר מען אבער נישט פאַרגעס, אַז אַ קולטורעלער באַרוף פאָדערט אַ גיהעריקע, ענטשפּרעכנדע פאַרבאַרייטונג, ספּעציעל אַזאַ פילזייטיקער און העכסט קאָמפּליצירטער, ווידער דער באַרוף פון דער פרוי אין דער דינסט פון דער מענטשהייט, וואָס פאָדערט פאַר זיך דעם גאַנצן מענטש מיט אַלע זיינע פיזישע און גייסטיגע פעיקייטן און כחות. דאָס גלייכצייטיקע אויסלערינען דורך די פרוי עפּעס אַ פאַך, אַ פּראָפעסיע וואלט אומפאַרמיידלעך גיווען אַ מער אָדער ווייניקער שעדליכע אָפּלענקונג פון איר אייגנטלעכן, ספּעציעל ווייבליכן באַרוף, אַן אָפּלענקונג, וועלכע וואלט מיט זיך נאך פאַרשאַרפט די פרויען־פראַגע, וואָס טראָגט אין זיך אַ סכנה פאַר דער מלוכה און דער גיזעלשאַפט. דאָס יידנטום רעגולירט די זאַך אויף אַזאַ אופן, אַז ס׳קומט גאָר נישט צו אַזאַ פראַגע.

דאָס באַוואוסטזיין פון דעם ווירקלעכן באַרוף פון דער פרוי שטייט נישט אין קיין שום סתירה מיט איר באַוואוסטזיין אלס בירגערין, אבער וועגן דעם אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

1) בראשית רבה פו׳, ל״ה. 2) גיטין נ״ב ע״א. 3) יומא ד׳ ב׳ ע״א. 4) דברים כ׳ ה׳ ז׳. 5) משלי כ״ד כ״ז.) 6 סוטה ז׳, י״ג. 7) קדושין ל׳ ע״ב. 8) בכורות כ״ט ע״ב, 9) גיטין ב׳ ו. 10) פסחים נ׳ ע״ב. 11) ברכות י״ז ע״ב.




# בריף צו א פריינדין

ליבע אסתרל!

ס-איז פאר מיר גאר וויכטיק, וואס מיין בריף וועט דיך אנ-טרעפן אין די גרויסע תשובה-טעג. עפיס איז מיין קוראזש פיל שטארקער, אז איך דערמאן זיך, דאס ווען דו וועסט ליינען מיין שרייבן, וועט זיין די צייט פון חשבון-הנפש. מסתמא ווייסטו דאך, אז טיף-רעליגיעזע מענטשן, מאכן זיך א חשבון-הנפש יעדן טאג, יעדער שעה און אפילו יעדער רגע. זיי איז דאך באמת וואויל און צו זייער גליק איז טאקע גאר נישטא קיין גלייכן. א קליניקייט מיינסטו איז דאס. צו לעבן תמיד מיט א חשבון און טאקע א רגע נישט-צו פארגעסן, אז אלץ וואס מען טוט מוז זיין אויסגירעכנט און מיט א גיהעריקן ישוב-הדעת, נאכגיטראכט! דאס איז זער א גרויסע מדרגה און נישט יעדער איז דערצו זוכה. נאר גיציילטע יידן, גרויסע נשמות גרייכן דערצו!!!

פארדאס אבער זעסטו איז שוין גאר אנדערש אין די טעג פון ראש-השנה ביז יום-כפור און ווער שמועסט נאך טאקע אין יום-כפור אליין, ווען דער ייד איז גארנישט מער קיין חומר, נאר לויטער גייסט, צו מלאכים גיגליכן, דעמאלט איז שוין יעדער ייד גלייך גייסטיק דערהויבן און איטליכער מאכט זיך דאך אצינד א חשבון מיט זיך, וואו מען האלט עפ"ס אין דער וועלט...

נו, וויל איך זיך טאקע מיט דיר אויסשמועסן מכח אונדזער גאר וויכטיקסטער זאך און הייליקסטער ארביט.

פאר אלעמען וויל איך טאקע וויסן, צי די פארשטייסט שוין גיניג דאס ענין פון פאראנטווארטליכקייט פון איין ייד פאר'ן צווייטן. נאך ביי קיין שום פאלק אין דער וועלט איז דאס נישט אזא הייליקע פליכט ווי ביי אונדז, גלייב מיר אז ווען די וועלט וואלט גיוואוסט עפיס דערפון, וואלטן זיי גאר אנדערש גיקוקט אויפן יידישן פאלק און אויף זיין הויכער קול-טור, אין דער תורה אליין ווערט שטרענג אנגיזאגט: „הוכח תוכיח את עמיתך" (שטראפן און ווארינען זאלסטו דיין חבר) ד. ה. אז דו זעסט דיין יידישן ברודער אדער שוועסטער טון שלעכטס זאג זיי מוסר, קלער זיי אויף און ווען דו טוסט דאס נישט, ביסטו דערין שולדיק. דאס איז נאר איין פסוק אין דער תורה אזאלכער, און איך בין דאך גארנישט אימשטאנד צו גיין אויסרעכינען די הונדערטער מאל אין דער תורה און פיל יידישע ספרים, וואו עס ווערט גיפאדערט צו ארביטן מיט אלע כחות, נישט צו לאזן בלאנדזשן אייגינע ברידער און אייגינע שוועסטער, דעם אויבענאן פארנעמט דאס גרויסע ווארט פון אונדזערע חכמים: „כי ישראל ערבים זה בזה" (יעדער איינער ייד איז א זשיראנט פארן צווייטן) אפילו ווען דו טוסט אלץ גוט און פיין, אויב די אליין אבער טוסט דאס נאר און קימערסט דיך גארנישט וועגן דיין ברודער און שוועסטער, ביסטו נאך אבסאלוט נישט א גיטרייער פון ישראל.

נו, מיין טייערע, דאכט זיך אז מיר בנות-אגודיסטקעס, דארפן זיך דערויף אביסל פארטראכטן,

ווער נאך אזוי ווי מיר וויסן, אז דער גרויסער טייל יידישע טעכטער וואס זענען אזוי ווייט פון אמת-יידישן לעבן איז עס גארנישט צוליב זייער פיל וויסן, נאר טאקי צוליב זייער אומוויסנקייט!

און וואס טון מיר, אז זיי זאלן טאקי מיין וויסן?

דאס גאנצע ביסל יידישקייט מיינען זי דאך, אז ס-איז עפעס א איבערבלייבעכץ פון אלטע צייטן. זיי דאכט זיך, אז לערינען, דאווינען, היטן כשרות און בכלל זיין א טראדיציאנעלער ייד, אז דאס טון נאר בטלנים און אלטע לייט... האבן זיי דען גי-הערט פון די טויזנטער יידן, וואס גיפונען זיך אין די גרעסטע קולטור-צענטרן פון אייראפע און דוקא אליין קולטור-רינן, וואס די גאנצע אייראפעאישע קולטור איז זיי אזוי באקאנט ווי זיירע אייגינע צען פינגער און דאך רעכינען זיי זיך שוין היינט צו די שטארקסטע קעמפער פאר דער תורה און יידישקייט?!

און צי וייסן אונדזערע מיידלעך, אז אין די לעצטע צייטן ווען דאס אפיקורסת שטארקט זיך אזוי גיוואלטיק, גראד אין דער-זעלבער צייט, קומען צוריק צום אמת-ן רעליגיעזן באוואוסטזיין פיל פיל פון די פריידענקערישע מחנות! ממש ווי אמאל אין די גאר אלטע צייטן צוברעכן די דאזיקע צוריקגיקומענע כל-ערליי אפגעטער און דערנענטערן זיך צום אלוקי ישראל מיט אלע זיירע כחות.

און וואס וייסן אונדזערע שוועסטער פון דער הויכקייט, טיפקייט און אייביקייט פונים תורה-גידאנק בכלל? צי איז זיי דען באַ-קאנט אז כמעט טאג-טעגלעך קימען אויף אין דער וויסנשאפט אזאלכע נייע אנטדעקונגען, וואס באשטעטיקטן אלע אמת פון אונדזער ג-טליכער תורה און באקרעפטיקן גאר די דערציילונגען פון יידישן ספר-הספרים.

און וואס וייסן דען אונדזערע שוועסטער אפילו פון דער אר-טאדאקסישער באוועגונג? זיי הערן עפעס אמאל די נעמען „אגודה" „בית יעקב" „בנות" אבער דאס זאגט דאך זיי גאר-נישט. קענען זיי דען אונדזער אידעאל, זיין גישיכטליכן יסוד? צי האבן זיי גאר א באגריף פון אונדזערע וועלט-אנשויאונגען?

טייערע אסתרל! מיר טון אלץ און גארנישט! דאס מוז איך דיר מיט גרויס פארביטערונג זאגן, כל-זמן מיר פארשטיין נישט אז דאס ערשטע איז א ביסל מער באוואוסטזיניק צו מאכן אונדזערע יידישע שוועסטער, האבן מיר נאך גארנישט אנגיהויבן עפעס צו טון.

וועסט אוודאי פרעגן, ווי אזוי מען מאכט דאס?

איך מיין גאנץ פשוט: מיר מוזן קודם זען, אז אונדזער גידרוקט ווארט זאל גיליינט ווערן אין וואס ברייטערע קרייזן. איך פאר-שטיי גארנישט מיט וואסארע רעכט א ארגאניזאציע טראגט דעם נאמען „בנות אגודת ישראל" ווען זי טוט נישט דאס מינימאלסטע: פארשפרייטן דאס ארטאדאקסישע גידרוקטע ווארט און טאקי אויך אונדזער אייגינים ארגאן. און מיט וואס ביסטו דאס אליין אזא פייערדיקע אגודיסטקע, ווען דו ביסט צו אזא זאך אזוי גלייכגילטיק. ווי אזוי קאן מען גיין צו ווייטערער ארביט, אז מען האט נאכנישט גיטון דאס ערשטע, דאס עלע-מענטארסטע, אריינגיפירט אונדזער פרעסע און ליטעראטור כאטש אין יעדן יידישן רעליגיעזן הויז?



בית יעקב-לודז/גליון/שנה ח/גליון 058 a הודפס מתוך הארכיון היהודי
עמוד 21 מתוך 28

# דער בית=יעקב לערערז פארבאנד איז פוילן

## פראָטאקאָל פון דער לערערן־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגיקומען אין ראַבקע יום ג׳ פ׳ תצא תר״ץ מיט־ן אָנטייל פון די צענטראַלע פאָרשטייער.

פרל. ראָזנבלום עפנט די קאָנפערענץ און גיט איבער דעם פאָר־זיץ דעם ה׳ פרידמאַן.

ה׳ פרידמאַן קלערט אויף דעם סדר היום פון דער קאָנפערענץ און גיט דאָס וואָרט דער פרל. לאַנדסבערג צו באַריכטן די החלטות פון די פאָר־ קאָנפערענצן, וואָס זענין פאָרגיקימן צווישן דער צענטראַלע מיט די דעלעגאַטינס פון די לערערינס.

פרל. לאַנדסבערג גיט איבער די דאָזיקע החלטות: א) די פעריען־צייט אין די ב״י־שולן זאָל זיין במשך דער צייט פון ט״ו סיון ביז ט״ו מנחם־אָב און אין דער דאָזיקער צייט זאָל פאָרקומען דער פאָרטבילדונגס־קורס. ב) יעדע בית־יעקב־שול מוז האָבן 4 וואכן פעריען, נאָר אויב די לערערן נעמט אָנטייל אין פאָרטבילדונגס קורס קומט איר 6 וואכן פעריען. ג) במשך די פעריען דארפן פאר די ב״י־קינדער איינגיאָרדנט ווערן האלב־קאלאניעס דורך די בנות־חברות אדער דורך די תלמידות פון די עלטערע קלאסן, די צענטראלע זאָל אויסאַרביטן אַ פראָגראַם פאַר די דאָזיקע האַלב־קאלאניעס. ד) דער פאָרטבילדונגס־קורס פאַר די לערערינס דאַרף נישט זיין צוזאַמען מיט די „בנות־אגו״י״. ה) דאָס שול־יאָר אין די שולן דארף זיך אָנהייבן ר״ח מרחשון, דער יערליכער עקזאמין דארף זיין עשרת־ימי־תשובה, ווען ס־ווערן אויך גיגעבן די צייגנישן און דער האלב־יערליכער עקזאמין אָנהייב חודש ניסן. ו) צו באגרעניצן די פאָרשטע־לונגען אין די ב״י־שולן אויף איין מאָל אין יאָר (גיוואונטשן פורים).

נאָך א וויכוח אין וועלכן ס־נעמען אָנטייל די חבירות: קירשנבוים, ריינהערץ, קלוגער, גאלדשטאף — ווערן די דערמאנטע החלטות איינשטימיק אָנגינומין.

ה׳ פרידמאן לייגט דאן פאר די סטאטוטן פון לערערן־פארבאנד, וואָס זענין דורך אים אויסגיארביט גיוואָרן, דער סטאטוט האלט 17 פונקטן.

ס׳אנטוויקלט זיך א וויכוח, וועגן דער אויסשליסונג פון חבירות פאר נישט צאָלן דעם חבירות אָפּצאָל, און פאר נישט אָפּהיטן דעם רעגולאמין. צום סוף ווערט דער פאָרגילייגטער סטאטוט איינשטימיק און פייערליך אָנגינומין.

מען טרעט דאן צו צו די וואלן פון די אָנפירונגס־אָרגאנען פון פאַרבאַנד, און ס־ווערט אָנגינומין אן בלאק די ליסטע וואָס איז גיוואָרין פאָרגילייגט דורך דעם דאָצענטן־קאָלעגיום. עס זענין גיוועלט גיוואָרן אין דער פארוואלטונג: ס*מא קלוגער, פרוי פאָגל, דינה קנאָבלעוויטש, טשערניק, געלבלום, שטאקמאן רייזל ראזא, אבאוויטש, ראזנבלום, באכנער, חנה שפירא, וויזנפעלד שטייער.

דאָס זיץ־ארט פון דער פארוואלטונג זאָל זיין אין לאָדזש, אלס פאָרזיצערן איז גיוועלט גיווארין דינה קנאבלעוויטש און אלס סעקרעטארין פרל. קלוגער פון לאדזש, אין דעם פעדאגאגישן קאלעגיום זענין גיוועלט גיווארין: פרל. דר. ראזנבוים, פרל. לאנדסבערג, אסתר ראזא, אסתר גאלדשטאף, ראטנבערג, בוי־מינגער און דאכנער.

אין חבירות־גיריכט זענין גיוועלט גיוואָרין: פרוי שרה שענירער, פרל. לאנדסבערג, פרוי וואטשאוש, טייטלבוים, חוה גאלדשטאף, מרים טויבע, לאה פאמעראנץ, טראטנער, אייכנבוים, לובארט, וואידיסלאווסקא, קאלער און הינדא פרידמאן.

ביים פונקט פרייע פאָרשלאגן, זענען גיוואָרן אָנגינומין די דאזיקע החלטות:

א) איינצוארדינין ראיאן־קאנפערענצן פון די לערערנס.
ב) ווענדן זיך צו דער ב״י צענטראלע, אז זי זאָל מער רעא־גירן געגן די לערערנס, וואָס ארביטן איבער 6 שעה.
ג) דער חבירות־אָפּצאָל זאָל בעיקר פארוואנדלט ווערן אויף פעדאגאגישע צוועקן.
ד) צו מאכן א נייע רעגיסטראציע פון אלע חבירות.
ה) אויסצואַרביטן א רעגולאמין פאר דער געגנזייטיקער הילפס קאסע.

ה׳ פרידמאן ווינטשט הצלחה דעם גיגרינדעטן פארבאנד אין נאָמין פון דער ב״י־צענטראלע און שליסט די קאָנפערענץ.

---

## סטאַטוט פון פאַרבאַנד פון די בית־יעקב־לערערנס אין פוילן

### נאָמען און ציל

א.

די לערערנס פון די בית־יעקב־שולן אין פוילן אָרגאניזירן זיך אין א פארבאנד מיטן נאָמין „פארבאנד פון די בית־יעקב־לערערנס אין פוילן״.

די צילן פון פארבאנד זענין:

ב.

1) צו שטארקן דעם רעליגיעזן און גייסטיקן מצב פון די חבירות און אָפּצוהיטן זייערע מאטעריעלע אינטערעסן.
2) צו רעפרעזענטירן די בית־יעקב־לערערינס לגבי די צענט־ראלע ארגאנין פון דער בית־יעקב־ארגאניזאציע און צו שטיין אין קאָנטאקט מיט די דאזיקע ארגאנען בנוגע די אינטערעסן סיי פון כלל לערערנס, סיי פון איינציקע חבירות.
3) צו ארגאניזירן געגנזייטיקע הילף־אינסטיטוציעס פאַר די חבירות, סיי אויפ־ן מאטעריעלן, סיי אויפ־ן גייסטיקן און פעדאגאגישן גיביט.

### חברשאַפט, רעכט און התחייבותן

ג.

צום פארבאנד קענען קערן נאָר לערערנס, וואָס ארביטן אונטער דער השגחה פון דער בית־יעקב־צענטראלע אין קראָקע, און צאָלן דעם באשטימטן חבירות־אָפּצאָל, צוויי גילדן א קווארטל.

הערה: א לערערן, וואָס ווערט אויסגישלאָסן, ווערט במילא אויס־גישלאָסן פונים פארבאנד.

ד.

יעדע חברה האָט דאָס רעכט זיך צו ווענדן צו דער פארוואל־טונג פון פארבאנד: 1) נאָך מאטעריעלער אָדער גייסטיקער הילף, 2) זאָל פאַרמיטלין צווישן איר און דער בית־יעקב־צענטראלע אין פאַל פון א סכסוך מיט דער לעצטער אָדער זיך משתדל צו זיין ביי דער צענטראלע לטובת אירע ענינים. 3) זי זאָל איבער־געבן דעם חבירות־גיריכט, אויסצוגלייכן פארשידינע סכסוכים מיט אנדערע חבירות.

ה.

יעדע חבירה האָט שטים־ און וואל־רעכט אויף די לערערן־

ארכיון אסופות

קאָנפערענצן, וואָס קומען פאָר אַלע יאָר. דאָס פאַסיווע וואַל-רעכט באַקומט מען ערשט נאָך א יאָר חברשאַפט.

## אויסשליסונג

ו.

יעדע חבירה, וואָס 1) פירט זיך נישט רעליגיעז-טראַדיציאָנעל אַזוי, ווי ס'פּאַסט פאַר א בית יעקב-לערערן, 2) היט נישט די החלטות פון פאַרבאַנד, 3) צאָלט נישט א יאָר צייט דעם חבירות אָפּצאָל, ווערט דורך דער פאַרוואַלטונג אויסגעשלאָסן פונים פאַר-באַנד. זי קען אָבער דערוועגן אַפּעלירן צו דער קאָנפערענץ.

הערה: אין פאַל פון פונקט 1 מוז די פאַרוואַלטונג האָבן די הסכמה פון דער בית-יעקב-צענטראַלע.

## די אָנפירונגס-אָרגאַנין

ז.

די אָנפירונגס-אָרגאַנין פון פאַרבאַנד זענען: 1) די פאַרוואַלטונג, 2) דאָס פּעדאַגאָגישע קאָלעגיום, 3) דאָס חבירות-געריכט, 4) די קאָנפערענץ.

ח.

די פאַרוואַלטונג שטעלט זיך צונויף פון דרייצן חבירות, וואָס ווערן געוועלט אַלע יאָר דורך דער קאָנפערענץ, און זי פירט אָן מיט אַלע לויפנדיקע ענינים פון פאַרבאַנד. די פאַרוואַלטונג וועלט פון זיך אויס אַ פאָרזיצערן, א סעקרעטאַרן און א קאַסי-רערן. ס'קען אויך געוועלט ווערן איינע אָדער צוויי וויצע-פאָרזיצערנס.

ט.

דאָס פּעדאַגאָגישע קאָלעגיום שטעלט זיך צונויף פון זיבן חבירות, וואָס ווערן געוועלט דורך דער קאָנפערענץ, און האָט דעם ציל, צו פאַרלייכטערן די בית-יעקב-לערערנס און זייער אַרבייט דורך 1) שאַפן די געהעריקע הילפסביכער, 2) אַרויסגעבן רעפעראַטן וועגן פּעדאַגאָגישע, רעליגיעזע און -וויסנשאַפטליכע פּראָבלעמען 3) אַרויסגעבן פּעריאָדישע שריפטן, וואָס זאָלן באַ-האַנדלען פּעדאַגאָגישע פראַגן פון דער בית יעקב שול, טעאָ-רעטיש און פּראַקטיש, 4) ענטפערן די חבירות, וואָס ווענדן זיך מיט שאלות אין די דערמאַנטע ענינים.

י.

דאָס חבירות-געריכט שטעלט זיך צונויף פון דרייצן חבירות, גע-וועלט דורך דער קאָנפערענץ צווישן די חבירות, וואָס ווענדן זיך דערוועגן צו דער פאַרוואַלטונג. די פאַרוואַלטונג קלויבט אויס אין יעדן פאַל דריי פון די דרייצן, וואָס פּאַסן זיך צו דעם ענין.

יא.

די קאָנפערענץ קומט פאָר נישט ווייניקער ווי איין מאָל אין יאָר, (געוואונטשן אין דער צייט פון די פעריען-קורסן), אָדער ווען עס פאָדערן עס צוויי דריטל פון *אַלע חברות. די קאָנפע-רענץ נעמט אָפּ דין וחשבון פון פאַרגאַנגענעם יאָר, דריקט אויס צוטרוי אָדער אומצוטרוי דער פאַרוואַלטונג, באַשליסט וועגן פּרינ-ציפּיעלע ענינים פון פאַרבאַנד אָדער וועגן ענדערונגען אין סטאַטוט, באַהאַנדלט אַפּעלאַציעס פון אויסגעשלאָסענע חבירות, באַשטימט דעם בודזשעט פון קומענדיקן יאָר, וועלט אויס די אָנפירונגס-אָרגאַנין און באַשטימט זייער זיץ-אָרט.

## די מיטלין

יב.

די מיטלין פון פאַרבאַנד זענען: א) חבירות-אָפּצאָל ב) ספּעציעלע באַשטייערונגען צו געגנזייטיקע הילפס-צוועקן (למשל אין פאַלן פון חתונה, קראַנקהייט, אויסערגעוויינלעכע נויט און דעסגלייכן,) ג) געזאַמלטע פאָנדן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

## דאָס שייכות צו דער בית-יעקב-צענטראַלע

יג.

דער פאַרבאַנד שטייט אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע פון דער בית-יעקב-אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, און איז איר מודיע אַלע החלטות.

יד.

די בית-יעקב-צענטראַלע דאַרף אין אַלע פּרינציפּיעלע ענינים, וואָס זענען נוגע דעם כלל לערערנס אָדער כלל שולן, נישט אָננעמען קיין החלטות, איידער זי הערט נישט אויס די מיינונג פון פאַרבאַנד.

טו.

די בית-יעקב-צענטראַלע קען לייגן א וועטאָ אויף א החלטה פון פאַרבאַנד. אין אַזאַ פאַל דעצידירט א שידס-געריכט, וואָס ווערט באַשטימט פון ביידע צדדים.

## ליקווידאַציע

טז.

דער פאַרבאַנד קען ווערן ליקווידירט דורך אַ החלטה פון דער קאָנפערענץ, וואָס ווערט אָנגענומען מיט אַ קוואַליפיצירטער מער-הייט, דאָס פאַרמעגן פון פאַרבאַנד גייט דערנאָך אַהער צו דער בית - יעקב - צענטראַלע.

---

אַדרעס פון לערערין-פאַרבאַנד:

S. Kliger Łódź, Aleksandryjska 13


פון קומענדיקן חודש מרחשון אָן דערשיינט דער

**קינדער גאַרטן (28) №2**

פינפטער יאָרגאַנג

**יעדער נומער אין 24 זייטן גרעסערע פאָרמאַט**

קינדער-גאָרטן וועט שוין געדרוקט מיטן נייעם אויסלייג, לויט ווי ס'איז באַשלאָסן געוואָרן בעת די קורסן אין ראַבקע.

קינדער-גאָרטן ווערט איצט פונאַנדערגעטיילט, אַזוי דאָס אַ גרעסערע צאָל זייטן, וועט זיין געפּאַסט צו ליינען פאַר די קינדער פון 10—15 יאָר און באַ-זונדער אַ אָפּטייל „פרישינקע בלימעלעך" פאַר קינדער פון 7—10 יאָר.

קינדער-גאָרטן האָט די מיטאַרבייט פון די גאָר בעסטע פּעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע כחות, אין דער אָרטאָדאָקסישער וועלט.

קינדער-גאָרטן מוז איינגעפירט ווערן אין אַלע קלאַסן פון דער בית-יעקב-שול. דאָס איז שוין לאַנג א החלטה פון די לייטנדע אָרגאַנין פון דער בית-יעקב-באַוועגונג.

קינדער-גאָרטן ווערט פאַרשפרייט דורך די קינדער אַליין, דורך אַ פּרעסע-קאָמיסיע, וואָס די לערערן שאַפט אין יעדער קלאַס.


---

**אַלע דאַרפן זיך באַמיען, אַז די פאַרמעגליכע עלטערן פון די תלמידות אין די בית-יעקב-שולן, זאָלן אַבאָנירן און לייענען די איינציקע טרי-בונע פון דער בית-יעקב-באַוועגונג דאָס „בית-יעקב-זשורנאַל" !**

אַ גוט געבענטשט יאָר און כתיבה וחתימה טובה, ווינטשן מיר אַלע וואָס אַרבעטן פאַר דער בית־יעקב־ און בנות־באַוועגונג און גאַנץ באַזונדער די שעפּערין פון דעם ב״י גידאַנק די חשובע פרוי שרה שענירער.

ב״י שילערנס—וואַרשא — ב״י שילערנס — לאָדזש בנות אגודת ישראל־טורעק — לערערן ק. שטערן 3־טער און 4־טער קורס ב״י־אַלעקסאַנדער — בנות אגודת ישראל־דוואַרט — לערערין ריטענבערג־זאַ־ראמב — לערערין פ. ראָטענבערג־יאַראָסלאַוו — מחנכות און בתיה־פאַרבאַנד־סטשעגאָווא — בנות אַגוי״־קאַליש — פּיגא קראַסוצקאַ־וואַרשא — בנות אגודת ישראל־ווענגראָוו — 3־טער קורס בית־יעקב־דעמבלין — בנות אגודת ישראל, באָכנער, טענענבוים—ראַדאָמסק בנות אַגודת ישראל־לאָדזש — לערערין לענטשעווסקא, ב״י, שילערינס—זשעלעכאָוו.

# אַ כתיבה וחתימה טובה

ווינטשן מיר צום נייעם יאָר אונדזער גייסטיקער מוטער די ליבע פרוי שענירער, אונדזער גיערטער לערערן, גייסטיקע ערציערן, אונערמידליכע אַרבייטערין און שטאָלצע קעמפערן פאַר אונדזער אידעאַל פרל. בתי' נאַשעלסקא דעמזעלבן וואונטש גיבן מיר אויך די אַלע, וועלכע אַרבעטן צו שטאַרקן די בית יעקב אידעע. פולטוסק

„בנות אגודת ישראל״ — בית יעקב שילערנס — פרויען־פאַרבאַנד — בו.יה־פאַרבאַנד.

# אַ כתיבה וחתימה טובה

ווינטשן מיר צום נייעם יאָר אונדזער זער ליבער לערערין פרל. ק ל ו ג ע ר.

לאָדזש 5־טער קורס ב״י שילערנס

גייערס ראַיאָן

---

צו דער פאַרלאָבונג פון אונדזער ז. ג. געווו. לערערין, שטאָלצע טרעגערן פון תורה־פאַן פרל. ז. וו ר א צ ל א וו ס ק א, ווינטשן מיר אייביק גליק און צו־פרידנהייט.

לאָסק פ. מאַרשאַק ג. ג־טהעלף י. אַלע, ר. קאַן.

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר דער גיערטער פרוי ש ע נ י ר ע ר.

גאָוראָווע לערערין: פועה אורלייענסקא בית יעקב שילערנס

אַ כתיבה וחתימה טובה דער גיערטער פרוי שענירער — ג־ט זאָל געבן אין איר ווייטערער אַרבייט הצלחה.

לוטאָוויסקא לערערין ה. ראַמלער ב״י שילערינס

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר אונדזער גייסטיקער מוטער פרוי שע־נ י ר ע ר און אונדזער לייטערין פרל. י א ק ו ב א וו י ט ש, ווי אויך אַלע בתיה־שוועסטערן.

זד.־וואָלא בתיה־פאַרבאַנד

אַ גליקליך גיבענטשט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה, ווינשן מיר אונדזער גי־טרייער ליבער מוטער פרוי ש ר ה ש ע נ י ר ע ר

יאַראָסלאַוו, 3־טער און־4־טער קורס ב״י

אל המרכז בית יעקב!

בשנה טובה ומברכה

בעבודתכם מצאו הצלחה

זאת ברכת תלמידתכם

וד' הטוב יענה אתכם.

מלכה קוטנער

אונדזערע ליבע לערערינס פרל. ש פ ר ה ג י ז נ ע פ ע ל ד און פרל. פ י ג ע ג ר י נ ש פ א ן, ווינטשן מיר אַ כתובה וחתימה טובה צום נייעם יאָר.

ראַווא־רוסקא אין נאָמען פונים אָוונט־קורס ביי דער בית־יעקב־שול

זיסל מונד

דער ג. פאַמיליע ציוויאַק (ווישקאָוו) ווינטש איך אַ האַרציקן מזל־טוב צו דער חתונה פון זייער זון. זאָלן זיי זען ביי אים אַ סך נחת.

פעריל זיידמאַן

(ב״י־לערערין אין מיכאָוו־לובארט.)

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר אַ כתיבה וחתימה טובה אונדזער גייסטיקע וועג־ווייזערין דש״ח. פרוי ש ע נ י ר ע ר.

ווירושאָוו לערערין בלומא אונגער

בנות אַגודת ישראל—בתי' און אַלע בית־יעקב־שילערנס

# לשנה טובה תכתבנה

מנהיגות הסמינריון בקרקה!

שמענה־נא מורותינו, ברכת תלמידותיכן

שמחנה־נא כי ימלא ה' את רצון לבבכן

ותן הבורא גמול פעלתיכן

רב שפע יהי' שכרכן

לפניכם יזהיר מזלכן

ותמצאנה נחמה בעבודתכן

חיים שמחים וארוכים לכן מנהיגותינו.

לשנה הבאה עם משיח בן דוד נהי' בארצנו

מורות בית־יעקב

ח. רייך, שרה רייצהנדלר, פסה מיירוביץ, מלכה קוטנר, ט. מיימין, רייזל שפירא, פרומט שרמר.

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר אונדזער אונערמידליכער מיטאַרבעטערן און פרעזעסין פון אונדזער אָרגאַניזאַציע פרל. ק ו י פ ט י י ל.

לענטשיץ בנות אגודת ישראל

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר אונדזערע גרופּן־פירערינס און לערע־רנס פרל. ר י י ז ל ר א ז א (פאַרזיצערן) פרל. פ ר י ד מ א ן און פרל. ג א ל ד־ש ט א ף. מיר ווינטשן ווי ערפאָלג אין זייער־אונדזער אַרבייט צום נייעם יאָר.

וואַרשא בנות אגודת ישראל

אַלע בנות־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן און אין אויסלאַנד ווינטשן מיר אַ כתובה וחתימה טובה צום נייעם יאָר.

זאַווירטשע בנות אַגודת ישראל

אַ כתיבה ורתימה טובה צום נייעם יאָר ווינטש איך דער זער ג. פאַמיליע ו י ר נ י ק (פּיעטרקאָוו).

בעלכאַטאָוו רחל לאה שטייער

די האַרציקסטע מזל־טוב וואונטשן גיבן מיר דעם חשובן און אומערמידליכן ב״יפּי־רער ה' צבי מאָרגנשטערן צו זיין פאַר־לאָבונג. השי״ת זאָל אייך געבן פרישע כּחות ווייטער מתוך הרחבה צו ווירקע־נען זיך אונדזער הייליקער אידעע אין לאַנד און אויסלאַנד. אויך די בעסטע וואונטשן צום נייעם יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.

ב״י פאַרוואַלטונג — לערערין וואָלנאַוויטש, ברכה קאַרנוואַסער

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר אונדזער לערערין און פריינדין מ ל כ ה ש ט א ס מ א ן.

בעלכאַטאָוו שוועסטערן סטאַראָווינסקא, יאַסקאָוויטש, פשעמיסלאָווסקא וויוויצקא.

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר אונדזער ליבער לערערין און פירערין ה' ש ר ה ג ר י נ ב ע ר ג אַ כתיבה וחתימה טובה.

טורעק בנות אַגודת ישראל

צוזאַמען מיט׳ן בעסטן לשנה־טובה וואונטש גיב איך מיין האַרציקסטן מזל־טוב מיין ליבע פריינדין שרה פ ע ס א ש י י ע ר צו איר חתונה מיט ה' ג ו ט־מ א ר ג ן. אַ גליקליכער עתיד באַשטראַלט פון ציון־ס זון, זאָל תמיד דיך באַגלייטן.

אַלעקסאַנדער קריסא שטערן

די בעסטע גליקוואונטשן צום נייעם יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה גיבן מיר אונדזער ליבער לערערין פרל. קריסא שטערן.

שילערנס פון 4־טן קורס ב״י. שוועסטערן יאַקובאָוויטש, שוועסטערן קוטנער און פראַדיל לאה באָרנשטיין.

אַ כתיבה וחתימה טובה ווינטש איך די זער ני־עיסטע פרל. נאָוואָמיאַסט און פרל. יאַקובאָ־וויטש.

בלומה נוטבוים—זד. וואָלא

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, Październik 1930
„BAJS JAKOW"

Cena 1 Zł.
P.K.O. 67.795

Rok VIII zeszyt 1 (58.)
Adres Red: „Bajs Jakow"
Łódź, Limanowskiego 28.
Telefon 109-77.

# מ ז ל - ט ו ב

א האַרציקן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער איבער-געגעבענער חברה פון צענטראַל-ראַט מרת

## ב ר כ ה ג אָ ל ד ש ל אַ ק

צו איר חתונה מיט ה' פ ל י י ש ע ר גליק און פרייד זאָל וואוינען אין אייער ניי-געבויטן „בית-יעקב"!

| | |
|---|---|
| רעדאַקציע | צענטראַלע |
| בית-יעקב-זשורנאַל | בנות אגודת ישראל |
| לאָדזש | אין פוילן |

## פ אַ ר לאַ ג „מ נ ו ר ה" װ אַ ר ש אַ

שוין דערשינען:

**ווי אַזוי דאַרף אַ ייד דערציען זיין קינד?**

באַאַרבעט פון דער קרן-התורה-צענטראַלע און חנוך-אָרגאַניזאַציע אין פוילן.

52 זייטן — פרייז 20 גראָשן 100 עקז. נאָר 15 זל.

אדרעס פאַר בריף:

Warszawa skrz. poczt. 102

פאַר געלט: פ. ק. אָ. 20.602

אַלע אונדזערע חברות און עסקנות ווינטשן מיר צום נייעם יאָר אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ דערפאָלגרייכע אַרבעט לטובת אונדזערע הייליקע אידעאַלן.

צענטראַלע בנות אגודת-ישראל אין פוילן

## לשנה טובה תכתבו!

א גוט געבענטשט יאָר און כתיבה וחתימה טובה ווינטשן מיר אַלע אונדזערע מיטאַרבעטער און פריינט.

רעדאַקציע בית-יעקב זשורנאַל לאָדזש.

אַ הערצליכן מז"ט שיק איך די ח. פאַמיליע גרזעבמאַכער צו דער פאַרלאָבונג פון זייער ליבן זון און ברודער. זאָל בית זיי פיל גליק און אייביקע צופרידנהייט.

וואַרשאַ רבקה עלבוים

ברכת מזל-טוב מעומקי דלבאי לחברתי מרת פ. שייער תחי' לנשואי' את מר יחיאל מאיר גוטמאַרגן. בנו עתידכם ברוחנו העתיקה ויזרח מזלכם כשמש בצהרים.

פ. ל. מראַצעל
מורה הבית-יעקב בקליש

ברכת מז"ט חמה להמורה בית יעקב שלנו מרת פסח זיטלזון לנשואי' עם מר א. י. מאירוביץ מורשה. תזכו לבנות בית-יעקב ולמשך הלאה עבודתך בעינינו מתוך הרחבה.

ועד הבית יעקב ברמברטוב

א ברכה-פולן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער ג. לערערין פרל. וראַצלאַווסקא צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' זינגער. גליק, צופרידנהייט און גייסטיקע פאַרגעניגענס זאָלן אייערע אייביקע באַגלייטער זיין.

שעראַדז בנות אגודת ישראל

די הערצליכע מז"ט וואונטשן דריקן מיר אויס אונדזער איבערגעגעבענער לערערין ז. וראַצלאַווסקא צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' זינגער זאָל איר צוקונפט זיין אַ בליענדע.

שעראַדז קינדער פאַרבאַנד „פתיה"

מיין האַרציקסטן מז"ט ווינטש איך מיין חברה און אידעען-שוועסטער טויבאַ שאַטאַן צו איר פאַרלאָבונג מיט ה' מאַרגוליעס (גריצא). זאָל אייער בונד זיין עד מאה ועשרים שנה און איר זאָלט צוזאַמען שפּינען דעם פאָדים פון דעם ניי-אויפגעלעבטן ישראל.

זד-וואָלאַ ליבאַ גאָטעמיאַסט און פאַמיליע

### מזל-טוב

צו דער חתונה פון אונדזער געליבטע און אייביק געדענקטע לערערין פרל. שייער (קאָנסטאַנטין) מיט ה' גוט-מאָרגן (ראַפין) ווינטשן מיר אַ האַרציקן מזל-טוב. השי"ת זאָל איר העלפן און כוחיקן ווייטער צו וועבן די קייט פון יעקב-ס הויז. אויך אירע עלטערן ווינטשן מיר באַזונדער אַ האַרציקן מזל-טוב.

בלאַשקי בנות-אָרגאַניזאַציע
יוגענט-גרופּע
פאַרוואַלטונג

אַ האַרציקן מזל-טוב [illegible] איך צו דער חתונה פון מיין פריינדין נ ע מ י ש אַ פ ר אַ ן (זיש אָוו) מיט ה' ו. א ל ט מ אַ ן (נאַשעלסק). זאָל ג-ט העלפן בויען אייער הויז אין גייסט פון אונדזערע אידעאַלן.

פעריל זיידמאַן
(ב"י-לערערין אין מיכאָוו-לוב.)

צו דער פאַרלאָבונג פון פרל. ר ב ק ה פ אַ מ ע ל אַ ק (לאָדזש) מיט ה' מ ש ה וואָלף גאָלאָמב (קאָנין) ווינטש איך אַ הערצליכען מזל-טוב, צופרידענע צוקונפט. איר זאָלט בויען אייער צוקונפט אויפ'ן יסוד פון תורה ודת.

וגם לחברות מבנות אגודת ישראל בלודז יעזור ד' שירבו שמחות

גאָלין פ. ראַכוואַלסקא

אַ האַרציקן מזל-טוב ווינטשן מיר די ג. לערערין פרל. ש י י ע ר צו איר חתונה. מזלך יאיר ויתרומם כשמש בצהרים.

בעלכאַטאָוו בנות אגודת ישראל
לערערין אָרלעאַן

דעם טיפסטן מיטגעפיל דריקן מיר אויס אונדזערע אַקטיווע בנות - חברות ש ט י י ע ר ר ע כ י ל ל א ה און ר ב ק ה צום פריצייטיקן טויט פון זייער שוועסטער. השי"ת זאָל אייך טרייסטן אין דער הייליקער אַרבעט פאַר אונדזער אידעאַל.

בעלכאַטאָוו בנות אגודת ישראל
לער. אָרלעאַן

אַ האַרציקן ברכה-פולן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזערע איבערגעגעבענע חברות צו זייערע חתונות פרל. ב ל י מ א מ י ר ל ג אָ ל ד מ אַ ן מיט ה' מ ר ד כ י נ ת ן ר ו ב י נ ש ט י י ן (לאָדזש) פרל. נ ע כ ע ק אַ ן מיט ה' א ל י' ק אָ ם (קאַזשמינעק) און צו דער פאַרלאָבונג פון אונדזערע טעטיגע פאַרוואַלטונגס-מיטגל. פרל. ב ר י י נ ד י ל פ אַ נ ט ש מיט ה' ח י י ם מ ש ה ד ז י אַ ל אָ ו ס ק י (קאַליש). ברכה און גליק זאָל תמיד אייער לעבנסוועג באַגלייטן.

ווידרושאָו פר. קיילא לעוונהאָף-פאָרז.
לערערין בלומא אונגער
בנות אגודת ישראל

די רעדאַקציע איז אָפן יעדן טאָג פון 4—11 נאָכמיטאָג—נישט באַשטעלטע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט—ביים פאַרלאַנגען ענטפער מוז זיין בייגעלייגט אַ פּאָסט-מאַרקע—פאַר אַנאָנסן, וואָס ווערן נישט באַצאָלט פריעדאָיס ווערן נישט געדרוקט און ס'ווערט נישט אָפּגעענטפערט אויף אַזעלכע פּרעטענציעס—באַריכטן פון די שטעט וואו ס'איז נישטאָ שטענדיקע 10 אַבאָנענטן ווערן נישט געדרוקט.

Red. Lezer Gerszon Frydenzon | געזעצט: מ. ליבעסקינד, לאָדז קילינסקא 50 | Tłocznia J. Djament. Łódź, Kilińskiego 50
Tel. 188-76